YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv08i34

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 8 Issue 34
August 1926

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 8, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/299

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 34. | New York, Friday, August 20, 1926 | פרייטאג, 20טער אויגוסט, 1926 | PRICE 3 CENTS

אריבער הונדערט קלאוק פירמען שוין געסעטעלט; נייע פירמען מעלדען זיך צו דער יוניאן יעדען טאג

די באוואוסטע פירמע קליפשטיין רייסט זיך אפ פון „אינדאסטריעל קאונסיל" און סעטעלט מיט דער יוניאן. — אריבער 5,000 סטרייקער וועלען ביים ענדע פון דער וואך שוין זיין צוריק ביי דער ארבייט. — פרעזידענט זיגמאן און מענעדזשער היימאן ענטפערען אויף די נייע סטייטמענטס און אטאקעס פון די באלעבאטים.

מיט איינינע טעג צוריק, איז באקאנט געווארען, דאס דער „אינדאסטריעל קאונסיל" האט איינגערופען א מיטינג פון באנקירען און דארט פארגעלייגט, ווי צו באשטראפען די קלאוק פירמען, וואס סעטלען מיט דער יוניאן. זיי האבען פארגעלייגט, אז די באנקירען זאלען ניט געבען קיין קרעדיט צו אזוינע פירמען. וועגען דעם האט פרעזידענט זיגמאן געמאכט דעם פאלגענדען סטייטמענט:

„איך גלויב ניט, אויב דער מיטינג פון באנקירען און פינאנסירען, וועלכער איז גערופען געווארען אין די אפיסעס פון דער איסטערן מילינערי אסאסיאיישאן, דורך דער איניציאטיווע פון אינדאסטריעל קאונסיל, וועט נעמען אין אכט אזא שענדליכען פארשלאג, ווי אפשטעלען דעם קרעדיט אדער באיקאטירען אזעלכע מאנופעקטשורערס, וועלכע שרייבען אונטער אן אגרימענט מיט דער יוניאן.

„א חוץ דעם וואס אזא האנדלונג איז זעהר אונעטיש פון געשעפטס־שטאנדפונקט, איז עס אבער אויך א זעהר אומפראקטישער שריט אין אן אינדוסטריעלען און עקאנאמישען זין.

„עס איז קלאר פאר יעדען איינעם אין דער קלאוק-אינדוסטריע, דאס מיר האבען זייט יאהרען לאנג געהאט אין טרייד מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען ניט נאר גאראנטירט זייערע ארבייטער 36 וואכען ארבייט דורכ'ן יאהר, נאר אפילו 40 און מעהר וואכען, און זייער פאזיציע אין דער אינדוסטריעלער און פינאנציעלער וועלט איז צוליב דעם קיינמאל ניט געשעדיגט געווארען. אין געגענטייל, דיזע פירמען זיינען אלע מאל געווען פון די סאמע אנגעזעהענסטע אין טרייד, וואס האבען געהאט א גוטען נאמען און באקומען קרעדיט, אויב זיי האבען עס נאר געדארפט. אין קליוולענד אפערירט דער גאנצער קלאוק-מארקעט מיט אן אגרימענט, וואס גיט א גאראנטי פון 40 וואכען ארבייט אין יאהר, און דער דאזיגער מארקעט פארגרעסערט זיך און וואקסט. די באלעבאטים דארטען באנקראטירען ניט און דער טרייד איז ניט רואינירט געווארען.

„דער אמת'ער סעזאן אין דער קלאוק-אינדוסטריע שטעהט שוין איצט פאר'ן טיר, האט פרעזידענט זיגמאן פארענדיגט, און יעדער טאג און יעדע וואך, וואס געהט אוועק, מיינט א גרויסער פארלוסט פאר אלע, וועלכע זיינען פארבונדען מיט'ן סטרייק. עס איז שוין צייט, גלויב איך, אז איצט, אין דער זיבעטער וואך פון סטרייק, אנשטאט אנהאלטען א פאליסי פון סטראשונקעס און ריידען גלאט אין דער וועלט אריין, וואס דערפון קען גארניט ארויסקומען, זאל דער „אינדאסטריעל קאונסיל" אנהויבען ליבערשט טראכטען וועגען קאנסטרוקטיווע וועגען און מעטאדען און אנגעהמען מיטלען, וועלכע זאלען פיהרען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג צווישען די קעמפענדע צדדים — וואס זאל פיהרען צו א סעטעלמענט."

און אט איז אן אויסצוג פון נאך א סטייטמענט, וואס פרעזידענט זיגמאן האט די טעג געמאכט, אלס אן ענטפער צו די דזשאבערס, וועלכע זיינען ווידער אמאל ארויסגעקומען מיט דער באהויפטונג, אז די קלאוקמאכער זיינען טאקע „בארעכטיגט צו מאכען א לעבען", נאר זיי דארפען זיך ווענדען מיט דעם צו די קאנטראקטארס, ביי וועלכע זיי ארבייטען. אויף דעם האט פרעזידענט זיגמאן געענטפערט אין קורצען, ווי פאלגט:

„עס איז לעכערליך צו דענקען, אז די ארבייטער קענען עפעס געווינען פון די קאנטראקטארס. זיי זיינען ניט קיין באסעס. פילע פון זיי זיינען אין אן ערגערער לאגע ווי די ארבייטער. וואס קענען די ארבייטער פון זיי קריגען, אז זיי האבען אליין גארניט?

„זיסע ווערטער און פרומע וואונשען וועלען ניט לעזען די פראבלעמען פון אונזער אינדוסטריע. דאס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס די דזשאבערס זאגען, אז די ארבייטער זיינען „בארעכטיגט" צו א בעסערען לעבען אין טרייד.

„די דזשאבערס האבען שוין ניט איינמאל צוגעגעבען, אז די ארבייטער געפינען זיך אין א שרעקליכער לאגע צוליב דער הפקרות אין טרייד. אבער ווען נאר מען האט געטרייט אפשאפען דיזע הפקרות און איינפיהרען אמת'ע פאראנטווארטליכקייט; ווען נאר מען האט געפרואווט איינשטעלען באדינגונגען, וואס זאלען פארזיכערען די ארבייטער מיט א לעבען צו מאכען, האבען די דזשאבערס דאס אימער באקעמפט.

„איך וויל דערמאנען די דזשאבערס, אז ערשט ניט לאנג צוריק האבען זיי זאגאר ניט געוואלט דיסקוטירען די פאדערונגען פון דער יוניאן. זיי האבען ניט געוואלט געהן צו קאנפערענצען צו פארמיידען דעם סטרייק. איצט זאגען זיי, אז די ארבייטער „דארפען" מאכען א לעבען. אבער זייערע ווערטער האבען ניט קיין באדייטונג. די זיסטע ווערטער און די פרימסטע האפנונגען זיינען גארניט ווערט. וויכטיג איז: וואס זיינען די דזשאבערס וויליג נאכצוגעבען צו פארזיכערען די קלאוקמאכער מיט א לעבען?"

ביים אנפאנג פון דער וואך, האט די יוניאן שוין געהאט געסעטעלט מיט אריבער 100 פירמען, צווישען וועלכע עס זיינען דא גאנץ באדייטענדע פירמען אין טרייד. און ווען די סעטעלמענט קאמיטע וואלט ניט געווען אזוי פארזיכטיג, ווען זי וואלט ניט אזוי שטארק חוקר ודורש געווען איידער זיי הייסען גוט א סעטעלמענט, וואלט שוין געווען סעטעלמענטס מיט א סך מעהר פירמען וואס האבען אריינגעגעבען אפליקיישאנס.

אבער אין דעם סטרייק, אפשר מעהר ווי אירגענד ווען פריהער, מוז די יוניאן זיין גאנץ פארזיכטיג ביים מאכען א סעטעלמענט. דאס איז אין די אינטערעסען פון די אלע סטרייקער, וואס שטעהן אין קאמף מיט די באלעבאטים. מען קען סעטלען מיט נאר אזוינע פירמען, וואס די יוניאן איז אבסאלוט זיכער, אז זיי ארבייטען אויסשליסליך פאר'ן טרייד און וועלען ניט מאכען קיין ארבייט פאר א דזשאבער אדער מאנופעקטשורער וואס איז אין סטרייק.

(שלוס אויף זייט 2)

א. פ. און ל. שיקט ארויס רוף פאר א קאנווענשאן

לעצטע וואך האט אונזער אינטערנעישאנאל אפיס ערהאלטען דעם אפיציעלען אויפרוף פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר, צו באטייליגען זיך אין דער קומענדער 46טער, יעהרליכער קאנווענשאן, וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אין גרייסטאן האל, דעטראיט, מיש., און וועט זיך אנפאנגען מאנטאג, דעם 4טען אקטאבער, 1926.

די העדקווארטערס פון עקזעקוטיוו קאנסיל וועלען זיך געפינען אין טולער האטעל. אין דעם אויפרוף דערמאנט דער עקזעקוטיוו קאונסיל די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע יוניאנס, אז אן א. פ. אוו ל. קאנווענשאן „איז אן אויסגעצייכענטע געלעגענהייט פאר שטודירען, אויספארשונג, און פאר דער פארמולירונג פון צוקונפטיגע פאליסים. די באאמטע און דעלעגאטען, וועלכע וועלען באזוכען די קאנווענשאן, קאנען מאכען א פאלקאמענעם אנאליז פון די עקזיסטירענדע עקאנאמישע באדינגונגען און זיי קאנען מאכען פלענער פאר דער צוקונפט, אין דעם לעבען פון זייער ארגאניזאציע.

„דורך דעם, וואס עס וועט אנגענומען ווערען א פראגרעסיווע און קאנסטרוקטיווע פראגראם, ווערט אין דעם רוף געזאגט, וועלען די ארגאניזירטע ארבייטער איבעראל אויפגעמונטערט ווערען צו אפגעבען זיך טיכטיג צו ארגאניזאציאנס-ארבייט, און די ניט ארגאניזירטע ארבייטער וועלען צוגעצויגען ווערען אונטער אונזער פאהן דורך דער האפנונג פון הילף און שוץ, וועלכע מיר קאנען זיי געבען".

ריינקאוט מאכער פון באסטאן אין קאנפערענץ מיט די באלעבאטים

ווי מיר האבען געמעלדעט לעצטע וואך אין דער „גערעכטיגקייט" האבען די ריינקאוט מאכער פון באסטאן, וואס זיינען ארגאניזירט אין לאקאל 24, זיך געגרייט ארויסצוגעהן אין א גענעראל סטרייק, פאר זייערע פאדערונגען. אבער אין דער לעצטער מינוט האט זיך דארט פארמירט אן אססאסיאיישאן פון די ריינקאוט מאנופעקטשורער, און עס האט זיך אנגעהויבען אונטערהאנדלונגען וועגען א קאלעקטיוו אגרימענט.

וועגען דער אנגעלעגענהייט האבען מיר דינסטאג אין דער פריה באקומען דעם פאלגענדען סטייטמענט פון וויס־פרעזידענט זשוליוס האכמאן, אינטערנעישאנאל ארגאנייזער פאר באסטאן און אומגעגענד. ער שרייבט ווי פאלגט:

אין דער לעצטער מינוט איז פארמירט געווארען אן אססאסיאיישאן פון ריינקאוט מאנופעקטשורערס, מיט'ן נאמען „באסטאן וואטערפרוף מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן". זיי האבען זיך געווענדעט צו דער יוניאן מיט דער מעלדונג, דאס זיי זיינען גרייט צו טרעפען זיך מיט דער יוניאן אין קאנפערענץ. דער ערשטער קאנפערענץ וועט פארקומען היינט מאנטאג אווענט, 7.30, אין אייוועררי האטעל.

די אססאסיאיישאן ווערט פארטראטען אויף דער קאנפערענץ דורך זייער פרעזידענט, מר. ליכטענשטיין, דעם סעקרעטער דזשאן וואגנאן, און דורך א קאמיטעט באשטעהענד פון קארל קאהן, י. לעפקאוויטש און סעם דווארעצקי.

די פארשטעהער פון דער יוניאן זיינען: דזשולאוס האכמאן, טשערמאן; סעמועל פארמאן, דזשוליוס קאהן, בעני גודמאן און מ. סלאווינסקי, סעקרעטער.

די פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען: סאניטארע באדינגונגען, וואך ארבייט, פינף טעג א וואך, און א מינימום סקייל ווי פאלגט:

אפערייטארס (מענער)	$44
אפערייטארס (פרויען)	35
צעמענטערס	46
קאטערס	44
פרעסערס	44
טיילארס	44
פינישערס	25

אין פארלויף פון די לעצטע צוויי סיזאנס איז דער טרייד געקומען צו זיך און עס הערשט איצט א גרויסער פאראנג פאר ריינקאוטס. א דאנק דעם [illegible] אין טרייד איז געווען א שטילשטאנד, זיינען פילע ארבייטער אוועק אין אנדערע טריידס. יעצט זיינען זיי צוריקגעקומען

(שלוס אויף זייט 10).

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34.

זייט 2. סטרייק-נייעס.
זייט 3. ענטפערס אויף די סטייטמענטס פון די באלעבאטים — ל. היימאן. א ספעציעלער רייזען-אווענט אין יוניטי-הויז.
זייט 4. אין דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10 — ב. שעהנקער. די פיקעט-קאמיטע ביי דער ארבייט — דזש. גארעצקי.
זייט 5. געבאפט די תליה פאר'ן גארגעל — פאול קערי. „סטראנג באי וואשטעד" — ברוך מיללער.
זייט 6. עדיטאריעלס. האפנונגען — ה. לאנג. אויף א מיטינג פון שאפ-טשערלייט — אב. קארלין.
זייט 7. אויפ'ן וועג צו דערגרייכען נייע
זייט 8. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — ל. פינקעלשטיין. פעריזען — א. ראדוצקי.
זייט 9. א לעבען ווי א לעגענדע — על-עם. דער אמעריקאנער געזונטהייטס-קאנגרעס — פאניא קאהן. ענטפערס פון רעדאקציע.
זייט 10. א סטייטמענט פון דער בריטיש מיינערס פעדערעישאן — בען טילעט. באריכט פון ווארשעווער נאדעל-פאראיין.
זייט 11. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 12. א גרויסער יום-טוב אין דער יוגנט-פיזהויז — י. מ. לעווינסאן.

אינטערנעשאנאל באגריסט קאנווענשאן פון די בעקערס אינטערנעשאנאל יוניאן

פרעזידענט זיגמאן ווערט איינגעלאדען צו אדרעסירען די קאנווענשאן.

די אינטערנעשאנאל פון די בעקערס יוניאן האלט איצט אפ איהר קאנווענשאן אין ניו יארק, און פרעזידענט זיגמאן איז איינגעלאדען געווארען צו קומען אדרעסירען די קאנווענשאן. ער האט אנגענומען די איינלאדונג און האט אדרעסירט די קאנווענשאן דינסטאג ביי טאג. אין דער זעלבער צייט האט די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל בעקערס יוניאן געשיקט צו אונזער אינטערנעשאנאל א באגריסונג צו די קלאוק סטרייקער. די באגריסונג טעלעגראמע לעזט זיך ווי פאלגט:

„מאריס זיגמאן, פרעזידענט,
3 וועסט 16טע סט., ניו יארק.

אויף דעם אויפטראג פון דער 19טער קאנווענשאן פון די ארגאניזירטע בעקער ארבייטער פון די פאראייניגטע שטאטען, גיב איך דא איבער צו דער מיטגלידערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל גארמענט ווארקערס יוניאן אונזערע ווארעמסטע וואונשען פאר יעדען מעגליכען ערפאלג אין זייער קאמף. זאל זייער גערעכטער קאמף זיגען. מיר שאצען הארציג אפ אייערע גוטע וואונשען און פארזיכערען אייך אין אונזער גרייטקייט צו אפרופען זיך ווען נאר די געלעגענהייט וועט קומען.

טשארלס פ. האהמאן,
אינטערנעשאנאל סעקרעטער."

גלייכצייטיג האט אונזער אינטערנעשאנאל געשיקט א באגריסונגס טעלעגראמע צו דער קאנווענשאן פון דער בעקערס אינטערנעשאנאל, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט:

„קאנווענשאן פון דער בייקערס און קאנפעקשאנערס אינטערנעשאנאל יוניאן
גרייט נארדערן האטעל, 118 וועסט 57טע סטריט,
ניו יארק, נ. י.

די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אין נאמען פון איהר מיטגלידערשאפט, דריקט אויס א הארציגען ווילקאם צו אייערע דעלעגאטען, פארזאמעלט אין קאנווענשאן אין ניו יארק צום ערשטען מאל אין פילע יאהרען. מיר פארשטעהען זעהר גוט די ריזיגע ארבייט, וועלכע שטעהט פאר אייך פאר און די גרויסע שוועריגקייטען וועלכע איר דארפט דורכמאכען אין אייער קאמף צו אנהאלטען יוניאן סטאנדארדס פון ארבייט און דעם פרינציפ פון קאלעקטיווע בארגענינג אין א „פארטראסטעטער" אינדוסטריע, ווי אייערע. אלס מיטגלידער פון איין גרויסער משפחה פון ארגאניזירטער ארבייט, ווינשען מיר אייך פולען ערפאלג. אונזערע ארבייטער, וועלכע האבען אימער געשעטצט אייער ליבעל, וועלען אויך אויף ווייטער בייטראגען דאס בעסטע וואס זיי קענען צו העלפען אייך דערגרייכען דעם ציל צו וועלכען איהר שטרעבט.

מאריס זינגמאן, פרעזידענט,
אברהם בארא ף,
גענ. סעק.-טרעזשורער."

אן ערפאלגרייכער סיזאן אין דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק

דער היינטיגער סיזאן אין אונזער גראנדיעזער יוניטי הויז אין פארעסט פארק, אויף די בלויע בערג פון פענסילווייניא, איז איינער פון די ערפאלגרייכסטע סיזאנס אין דער געשיכטע פון דער יוניטי הויז. מען קען זאגען, אז נאך קיינמאל פריהער האבען אזוי פיל מענשען אזוי גוט, אזוי שעהן און אזוי אנגענעם ניט פארבראכט אין דער יוניטי הויז ווי דעם היינטיגען סיזאן. אלע געסט און פריינד, וועלכע קומען פון דארט, פאר זייער וואקיישאן, זיינען העכסט באגייסטערט און האבען צו דערצעהלען בלויז גוטעס.

אלע אונטערהאלטונגען — די קאנצערטען שבת ביינאכט, די פארשיידענע פארווייליגונגען אין מיטען דער וואך, זיינען פון די סאמע בעסטע. דאן קומען די לעקטשורס אין מיטען דער וואך, און הויפטזעכליך די ליטעראַרישע פארלעזונגען וואס ווערען געגעבען יעדען זונטאג אין דער פריה פון דעם באוואוסטען אידישען שרייבער און דראמאטורג, דוד פינסקי.

דוד פינסקי איז ווירקליך געווארען א אינסטיטוציע אין דער יוניטי הויז. זיינע פארלעזונגען זונטאג אין דער פריה, פון זיינע אייגענע שאפונגען, רופען ארויס דעם גרעסטען אינטערעס ביי אלע געסט אין דער יוניטי הויז. עס איז ניט איבערטריבען צו זאגען, אז דער עולם דארטען ווארט שוין, עס זאל אנקומען דער זונטאג אין דער פריה ווען זיי וועלען זיך קענען פארקלייבען אין „וועלדעל ביים טייכעל" און הערען די פארלעזונגען פון דוד פינסקי.

אלס אנערקענונג פאר דער גוטער ארבייט וואס דוד פינסקי טוט פאר די געסט פון דער יוניטי הויז, האט די מענעדזשמענט פון יוניטי הויז באשלאסען אויפצובויען, טאקע דארטען אין „וועלדעל ביים טייכעל", א שעהנע בינע, וואס זאל טראגען דעם נאמען „די דוד פינסקי בינע". ווי מען לאזט אונז וויסען פון דעם ארט, איז די בינע שוין פארטיג און צו באנייען איהר ווערט ארראנזשירט א פארשטעלונג, אן אייך אקטער, טאקע פון דוד פינסקי. דער בארימטער אידישער אקטיאר, איזידאר קעשיר, וועלכער פארברענגט זיין וואקיישאן אין דער יוניטי הויז, האט זיך אונטערנומען צו „סטיידזשען" די פארשטעלונג און ער ארבייט גאנץ שווער ערפאלגרייך עס דורכצופיהרען. די פארשטעלונג וועט געגעבען ווערען דעם שבת אווענט.

א חוץ איזידאר קעשיר, וועט זיך באטייליגען דער באוואוסטער אידישער אקטיאר טיטעלבוים, וועלכער איז אויך דארטען, און נאך אייניגע וועלכע מיר וויסען לײדער איצט ניט זייערע נעמען. מיר ערווארטען, אז פריינט לעווינסאן, א אידישער שרייבער, וואס געפינט זיך איצט אין דער יוניטי הויז, זאל זיך נעמען די מיה און אונז צושיקען א גענויע באשרייבונג פון דער פארשטעלונג, און אויך די אנדערע ליטעראַרישע טעטיגקייטען וואס קומען פאר אין פארלויף פון דער וואך אין יוניטי הויז.

ספעציעלער אנאנס פון דער מענעדזשמענט פון יוניטי הויז

ווי מיר האבען שוין פריהער באמערקט, געפינט זיך אין דער יוניטי הויז נאך א גרויסער עולם, און דאס מאכט נויטיג, אז די וואס האבען אין זינען ארויסצופאהרען אהין די וואך, די נעקסטע וואך, אדער אפילו פאר דער וואך פון לייבאר דעי, זאלען אזוי גוט זיין און זיך באלד רעגיסטרירען כדי מען זאל וויסען גענוי וויפיל מענשען צו ערווארטען, זיי זאלען פארשפארען צו האבען שפעטער אונאנגענעמליכקייטען. אין אנקלאנג מיט דעם, בעט אונז די מענעדזשמענט פון דער יוניטי הויז צו מאכען די פאלגענדע אנאנסמענט:

די מענעדזשמענט פון דער יוניטי הויז, פארעסט פארק, פא., אנאנסירט צו אלע פריינד און געסט וועלכע ווילען פארציהען זייער וואקיישאן ביז איבער דעם לייבאר דעי יום טוב, דאס אין פארלויף פון די עטליכע טעג וועלען קינדער ניט אנגענומען ווערען אין דער יוניטי הויז.

דיזער באשלוס איז נויטיג געווען צוליב דעם, וואס די יוניטי הויז איז שוין איצט אנגעפילט און פילע נייע געסט פארשרייבען זיך יעדען טאג. איבערהויפט די פאמיליע-קאטעדזשעס זיינען איבערגעפילט.

די מענעדזשמענט איז געצוואונגען צו מאכען דיזע באשרענקונגען בלויז דערפאר, כדי עס זאל ניט געשטערט ווערען די באקוועמליכקייט פון אלע אונזערע געסט.

נעמענדיג אין אנבאטראכט דיזען העכסט ערפאלגרייכען סיזאן אין דער יוניטי הויז, ווערען אונזערע מיטגלידער און פריינד געראטען צו רעגיסטרירען זיך זאפארט, אויב זיי ווילען דארט זיין. מיר וועלען זיך פיהרען לויט דעם כלל — „פוירסט קאם, פוירסט סערווד", — ווער עס וועט זיך רעגיסטרירען צוערשט, דער וועט צוערשט אקאמאדירט ווערען.

דער רעגיסטראציאנס אפיס אין 3 וועסט 16טע סטריט איז אפען טעגליך ביז 6:30 אווענט, שבת ביז איינס אזייגער מיטאג-צייט.

לעקציעס אין יוניטי הויז

דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג, דעם 17טען, 18טען און 19טען אויגוסט, וועט אין יוניטי הויז ריידען פראפעסאר לערוי ע. באומאן, פון קאלאמביא יוניווערסיטי. זיינע טעמען וועלען זיין „די מענשליכער מויל — וואס עס איז און ווי עס ארבייט". „וואס הייסט פיהרערשאפט". „מאדערנע טענדענצען אין בילדונג". אלע טעמען זיינען פון דעם גרעסטען אינטערעס און פון גרויס בילדונגס-ווערט.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלע באקאנט ווערען.

די יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.

פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן איז אפען פאר'ן זומער.

יעדען שבת אווענט — א גרויסארטיגער קאנצערט.
פארשידענע פארווייליגונגען אין מיטען וואך.
זונטאג פריה — א ליטעראַרישע פארלעזונג
מיטוואך אין דער פריה — אינטערעסאנטע לעקטשור.

קומט אלע און פארברענגט אן אנגענעמען וואקיישאן. אין דער יוניטי הויז האט איהר פון אלעם גוטען: גוטע, געשמאקע עסענס, צימערען מיט אלע שטאדטישע באקוועמליכקייטען איינגעטונקט אין בלומען און פלאנצען, וואס מען זעהט ניט אין ערגעץ א חוץ אין יוניטי לאנד. אויב איהר ווילט באמת גוט פארברענגען, פארפעהלט ניט צו זיין דארט!

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטרים, ניו יארק., טעלעפאן טשעלסי 2148

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסטרירען געהענדיג פון דער ארבייט.

מיר שיקען אמעריקאנער דאלארס

נאך סאוויעט רוסלאנד, אוקראינע, פוילען, ליטא, לאטוויא, עסטרייך, רומעניען, פאלעסטינע, מעקסיקא און אלע אנדערע לענדער.

אויב איהר האט קרובים אין אירגענד וועלכע לאנד אין דער וועלט און איהר ווילט זיי שיקען עטליכע דאלאר אויף יום טוב, קענט איהר עס טאן אמבעסטען דורך אונזער באנק.

אונזער „טראנסמישאן דעפארטמענט" איז יעצט אזוי איינגעאָרדענט, אז אייער געלט וועט אנקומען צו אייערע קרובים אין דער שנעלסטער צייט, און אז זיי וועלען קריגען אויסגעצאהלט אין הויז אריין די פולע סומע אין אמעריקאנער דאלארס.

אויסער דעם רעסיט וואס איהר באקומט פאר אייער געלט אין אונזער באנק, שטעלען מיר אייך אויך צו א רעסיט פון אייערע קרובים, אז זיי האבען דאס געלט ערהאלטען. פאלס מען קען זיי ניט אויסגעפינען באקומט איהר אייער געלט צוריק.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

5טע עוועניו, קארנער 21טע סטריט

אן ענטפער אויף די סטייטמענטס פון דעם „אינדאסטריעל קאונסיל״

פון ל. הײמאן.

דער אינדאסטריעל קאונסיל איז ווידער ארויס מיט אן אטאקע אויף דער יוניאן. זיי האבען ווידער צוזאמענגעשטעלט א צעטעל מיט שעפער, וועלכע זיי באהויפּטען באשעפטיגען א נישטיגע צאהל ארבייטער, און זיי באשולדיגען אונז אז מיר שיקען ארויף אין די שעפער ארבייטער פון די „יתומים״ און דאס וועט פיהרען דערצו אז די שעפער וועלען אויפנעהען די קלאוקס פון די ארבייטער וועלכע סטרייקען מיט די שעפער פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל.

מיר האבען שוין ניט איין מאל באוויזען ווי פאלש זייערע סטייטמענטס זיינען, און אהן צווייפעל איז דאס קלאהר פאר יעדען איינציגען פון אונזערע מעמבערס אז דער אבזיכט פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל איז צו מיסרעפּרעזענטירען פאקטען כדי אריינצוברענגען אונצופרידענהייט אין אונזערע רייהען. גליקליכערווייזע זיינען אונזערע מעמבערס צו אינטעליגענט אז זיי זאלען זיך לאזען פארפיהרען פון אט די פאלשע סטייטמענטס.

די אינדאסטריעל קאונסיל רעכענט אויס א צאהל פון שעפער, וועלכע באשעפטיגען א קליינע צאהל ארבייטער, און זיי ווילען מאכען דעם איינדרוק אז מיט אט די שעפער האט מען געסעטעלט אלס אינדעפּענדענט מאנופעקטשורערס, בעת אין דער אמת׳ן זיינען דאס קאנטראקטינג שעפער, וועלכע זיינען רעדזשיסטרירט געווארען פון דזשאבערס און מאנופעקטשורערס מיט וועמען מיר האבען געסעטעלט, און אין די שעפער, צו די קליינע צאהל ארבייטער וועלכע האבען דארטען געארבייט איידער מען איז ארויס אין סטרייק, שטעלט מען צו פון די ארבייטסלאזע בעל מלאכות אויסצופילען די נויטיגע צאהל אפּערייטארס, פינישערס, קאטערס, פּרעסערס א. ז. וו.

אנשטאט צו באווייזען אז ביי זיי אין די שעפער האבען די ארבייטער געמאכט א לעבען און זיי זיינען ניט בארעכטיגט צו קיין בעסערע באדינגונגען, ווילען זיי רעכטפערטיגען דעם צושטאנד אין זייערע שעפער מיט דעם וואס זיי באווייזען אז די באדינגונגען אין די סאב־קאנטראקטינג שעפער זיינען נאך ערגער — א זאך וואס מיר האבען קיין מאל ניט געלייקענט און מיר לייקענען דאס אויך איצט ניט, און דערפאר סטרייקען טאקע די ארבייטער — צו פארבעסערען די לאגע סיי אין די אינסייד שעפער און אויך אין די קאנטראקטינג שעפער.

וואס אמבאלאנגט זייער באהויפּטונג, אז מיר סעטלען א סך קאנטראקטינג שעפער, וואו מען מאכט אונגעשטערט ארבייט פאר דזשאבערס און מאנופעקטשורערס, ווילען מיר דא פארזיכערען אונזערע מעמבערס אז די גרעסטע אנשטרענגונגען ווערען געמאכט צו קאנטראלירען אז אין די געסעטעלטע שעפער זאל מען ניט מאכען קיין ארבייט פאר קיין סטרייקענדע מאנופעקטשורערס און דזשאבערס. אין יעדען שאפּ וואו מיר האבען דעם קלענסטען פארדאכט אז סטרייקענדע דזשאבערס אדער מאנופעקטשורערס קענען קריגען געמאכט ארבייט, האבען מיר אריינגעשיקט אונזערע אן אקאונטענט, וועלכער האט די פולע קאנטראל איבער דעם שיפּינג דעפּארטמענט. די באלעבאטים האבען אויך איינגעלעגט גרויסע סעקיוריטיס, און עס איז ניטא קיין געפאהר אז זיי וועלען האנדלען מיט ניט קיין געסעטעלטע דזשאבערס אדער מאנופעקטשורערס.

ווענען זייער באשולדיגונג אז די ארבייטער זייערע האבען מורא, ביי די מיטינגען, אויסצודריקען זייער מיינונג ווייל זיי וועלען קריגען געשפּאלטען די קעפּ, שליידערען מיר צוריק מיט פאראכטונג אזא באשולדיגונג. אונזערע מיטינגען ווערען אנגעפיהרט פריי, אפילו אונזערע טשערמאן מיטינגען ווערען אנגעפיהרט פריי און אפען. רעפּארטערס ווערען צוגעלאזען צו די מיטינגען. מעמבערס קריגען די פולע מעגליכקייט צו ריידען און אויסצודריקען זיך איבער יעדער פראגע. און וואלטען די מעמבערס ניט געוואלט סטרייקען, איז ניטא קיין קראפט וואס זאל זיי האלטען מיט געוואלד אין סטרייק. איבעריגענס זיינען די הערען פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל ניט אריגינעל מיט זייער באשולדיגונג. מיר וויסען דאס אין יעדען סטרייק ווארפען די באלעבאטים די שולד אויף די פיהרער אז זיי האבען אויפגעהעצט דעם עולם און מען האלט זיי מיט געוואלד אין סטרייק, בעת די ארבייטער אליין וואלטען געוואלט צופרידען צו ארבייטען אונטער אירגענד וועלכע באדינגונגען.

זיי שלאגען, דעריבער, פאר אז מיר זאלען דורכפיהרען א געהיימע אפּשטימונג וואו די מעמבערס פון זייערע שעפער זאלען זיך ארויסזאגען צי זיי זיינען וויליג פארטצוזעצען דעם סטרייק און אויב זיי סטרייקען אויסצודריקען א מיינונג פארוואס זיי סטרייקען, און אז די אפּשטימונג זאל דורכגעפיהרט ווערען פון אומפּארטייאישע מענשען באשטימט פאר דעם צוועק פון דעם גאווערנאר.

מיר זעהען ניט איין די נויטווענדיגקייט פון אזא אפּשטימונג, ווייל די ארבייטער האבען ניט איין מאל שוין געשטימט סיי דורך מאססמיטינגען און סיי דורך א געהיימע אפּשטימונג צי זיי ווילען סטרייקען פאר די פאדערונגען און יעדעס מאל איז כמעט איינשטימיג באשלאסען געווארען אז אויב מען קען ניט קריגען די פאדערונגען דורך אנדערע מיטלען זאל מען סטרייקען. נאר אויב די מעמבערס פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל זיינען אין צווייפעל אז די ארבייטער זיינען וויליג צו סטרייקען פאר די פאדערונגען, קענען מיר זיי באפרידיגען און דורכפיהרען אזא רעפערענדום ווי זיי שלאגען פאר מיט איין באדינג — אז אויב די מעמבערס אונזערע וועלען שטימען פאר אט די פאדערונגען זאלען זיי זיך פארפליכטען דאן מיט אונז צו מאכען אן אגרימענט אויף דעם באזיס פון די פאדערונגען. ווארים, אויב מיר זאלען פון די הערען פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל ניט קריגען אזא פארזיכערונג, טא וואס איז די פעולה אז מיר וועלען דורכפיהרען אזא רעפערענדום, אז מיר וועלען נאכהער סיי ווי סיי דארפען פארטזעצען דעם קאמף!

אן ענטפער אויף דעם, וואס דער „אינדאסטריעל קאונסיל״ וויל אריינשלעפען די באנקירען.

דער אינדאסטריעל קאונסיל האט ארויסגעשיקט קאפּיעס פון אונזער אגרימענט צו בענקינג הייזער און קרעדיט לייט צו קריגען פון זיי א מיינונג, אויב די באלעבאטים וועלען אננעמען דעם אגרימענט, צי וועט דאס ניט שטערען זיי צו קריגען הלוואות פון די בענק און קרעדיט. ספּעציעל שטעלען זיי זיך אפּ אויף די 36 וואכען גאראנטיע. זיי ווארטען אבער ניט ביז די באנקירען און די קרעדיט לייט וועלען ארויסזאגען זייער מיינונג, נאר צוזאמען מיט די קאפּיעס פון דעם אגרימענט האבען זיי אויך אדרעסירט א בריוו, אין וועלכען זיי זיינען מודיע, אז זיי האבען באזוכט פילע פּרעזידענטען פון בענק און יעדער איינער האט אויסגעדריקט א מיינונג אז די באלעבאטים, וועלכע סיינען דעם אגרימענט זיינען אראפּ פון זינען אדער חסר דעה.

די אבזיכט פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל איז, צו קריגען א סטייטמענט פון די פינאנסירען, אז זיי קענען ניט נאכקומען די פאדערונגען פון דער יוניאן, ווייל דאס וועט זיי שאדען צו קריגען די נויטיגע קרעדיט אין די בענק.

אז די פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען ניט קיין אוממעגליכע, באווייזט דער פאקט, וואס אין דער פארגאנגענהייט האט די יוניאן געהאט פיל „טיים־אגרימענטס״ מיט באלעבאטים, ניט בלויז פאר 36 וואכען נאר אין מאנכע פעלע אזוי פיל ווי 40 און 42 וואכען אין יאהר ארבייט. און די באלעבאטים, וועלכע האבען געמאכט אזעלכע „טיים־קאנטראקטען״, האבען ניט געפונען קיינע שוועריגקייטען צו קריגען די נויטיגע קרעדיט און זייער ביזנעס איז, אנשטאט פארקלענערט צו ווערען, נאר פארגרעסערט געווארען. מיר וואלטען געקענט אויסרעכענען א צעטל פון אזעלכע באלעבאטים, וועלכע האבען געהאט אזוינע אגרימענטס פאר א משך פון יאהרען. נאר מיר דענקען, אז דאס איז ניט נויטיג, ווייל די פיהרער פון דעם אינדאסטריעל קאונסיל וויסען, אז דאס וואס איך זאג איז אמת, און זיי וועלען ניט וואגען צו טשאלאנדזשען מיין באהויפּטונג.

די דזשאבערס, וועלכע האבען ביז איצט געשוויגען, האבען ענדליך אויך אנגעפאנגען צו לאזען פון זיך הערען. מר. קאפּעלאף, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער מערטשענטס אססאסיאיישאן און אן איצטיגער עקזעקוטיוו באארד מעמבער זייערער, האט אין אן אינטערוויו ערקלערט, אז די קלאוקמאכער זיינען בארעכטיגט צו בעסערע ארבייטס־באדינגונגען און אז זיין אססאסיאיישאן איז פאראינטערעסירט צו העלפען ברענגען צו א צושטאנד, וואו די קלאוקמאכער זאלען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען. נאר וואס רעדן — קיין „טיים־גאראנטי״ און לימיטיישאן וועלען זיי קיינמאל ניט אננעהמען. ער זאגט, אז די יוניאן האט געדארפט אויסארבייטען מיט די קאנטראקטארס קאנסטרוקטיווע פּלענער און איינפיהרען אזעלכע באדינגונגען אין די קאנטראקטינג שעפער, וועלכע זאלען געבען א מעגליכקייט די ארבייטער צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

דאס איז דער אלטער פזמון, וועלכען מיר הערען פון די דזשאבערס. זיי זיינען פאר דעם, אז די ארבייטס־באדינגונגען זאלען פארבעסערט ווערען, נאר זיי ווייזען אונז אן וואו א גוטער איד וואוינט, אז מיר זאלען עס קריגען פון די קאנטראקטארס.

כדי די קאנטראקטארס זאלען קענען געבען די קלאוקמאכער צו מאכען א לעבען, מוז אבער פריהער אפּגעשאפט ווערען דער איצטיגער סיסטעם וואו א דזשאבער קאן אויסנוצען יעדען קאנטראקטאר פאר זיינע צוועקען. מען מוז אפּשאפען די האלז־שניידענדע קאנקורענץ, וואס האט עקזיסטירט ביז איצט. אזוי לאנג ווי א דזשאבער וועט קאנען אריינרופען הונדערט קאנטראקטארס בעת ער דארף איינגאנצען מעהר ניט האבען ווי 10, און דער וועלכער מאכט ביליגער יענער קריגט דעם גארמענט, קאן ניט עקזיסטירען קיין יוניאן סטענדארדס אין די שעפער פון די קאנטראקטארס, ווייל דער קאנטראקטאר וועלכער וויל אנהאלטען די יוניאן סטענדארדס, דעם גיט ניט דער דזשאבער קיין ארבייט ביז וואנען סיי דער קאנטראקטאר און סיי די ארבייטער ווערען אזוי אויסגעהונגערט, אז זיי זיינען צופרידען צו נעמען ארבייט פאר אירגענד וועלכען פּרייז. דערפאר מוזען מיר זאגען, אז די רייד פון די דזשאבערס, אז זיי זיינען פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען בעת זיי ווילען ניט נעמען קיין פאראנטווארטליכקייט פאר די ארבייטס־באדינגונגען אין די שעפער פון די קאנטראקטארס, איז פּשוט היפּאקריטסטווא.

אין דער צייט ווען די דזשאבערס נעמען די שטעלונג, אז זיי זיינען „מוירטשענטס״ און זיי האבען ניט צו טאן מיט קיין מאנופעקטשורינג פון קלאוקס, האבען מיר זיך דערוואוסט, אז די דזשאבערס האבען גערופען זייערע קאנטראקטארס און געפאדערט פון זיי, אז זיי זאלען עפענען די שעפער. זיי וועלען זיי געבען אלע נויטיגע הילף און פּראטעקשאן און מען האט זיי זאגאר צוגעזאגט, אז מען וועט זיי נאכגעבען זייער פאדערונג פאר דעם מינימום קאסט אוו פּראדאקשאן.

די סאב־קאנטראקטארס, וועלכע קענען זעהר גוט די דזשאבערס מיט וועלכע זיי האבען געהאנדעלט פאר א משך פון יאהרען, דארפען וויסען, וואס פאר א באטרוג עס האבען די אלע פארשפּרעכונגען פון די דזשאבערס. זיי האבען שוין געהאט די ערפאהרונג אין דער פארגאנגענהייט און אויב זיי וועלען זיך לאזען אנרעדען פון די דזשאבערס און זיי וועלען איצט געהן סקעבען, וועלען זיי גיך אויסגעפינען, אז זיי זיינען מיאוס אפּגענארט געווארען פון די דזשאבערס און זיי וועלען טייער באצאהלען פאר דעם. די קאנטראקטארס וויסען ווי הפקר זיי זיינען געוועזען ביז איצט. זיי וויסען ווי אזוי די דזשאבערס האבען זיי גענארט און עקספּלואטירט אויף דעם שענדליכסטען אופן און זיי האבען איצט א מעגליכקייט אויסצוקעמפען פאר זיך א מעגליכקייט צו מאכען א בעסערען לעבען.

איך בין איבערצייגט, אז די קאנטראקטארס וועלען ניט זיין אזוי נאריש ווי צו לאזען זיך אריינגארען אין דעם נעץ וועלכען די דזשאבערס האבען פארשפּרייט...

א ספּעציעלער רייזען אווענט אין דער יוניטי הויז

א רייכע פּראגראם ווערט צוגעגרייט פאר א ספּעציעלען „רייזען אווענט״, דעם שבת־צו־נאכט, אין דער יוניטי הויז. עס וועלען אויפטרעטען בארימטע קינסטלער. מאקס פּערסין, דער גרינדער און דירי־גענט פון „יוניטי כאר״, האט פארפאסט ספּעציעלע מוזיק פאר עטליכע פון רייזען׳ס לידער, וועלכע וועלען געזונגען ווערען דעם אווענט. אויך ווערט צוגעגרייט א ספּעציעלער נומער פון „שיינעץ״, נאך וועלכען די יוניטי געסט גארען שטארק, ווייל שוין דאס 3טע וואך ווי דער „שגיץ״ האט זיך ניט באוויזען, און דארף שוין מאנכע פון די געסט א קאפּיטשקע איינ־צוזען.

די קינסטלער קאלאניע אין דער יוניטי הויז האט זיך די וואך פארגרעסערט. עס איז געקומען אהין דער בארימטער שרייבער און דראמאטורג ז. ליבין. ער איז אנגעקומען אהין מיט זיין פאמיליע פאר א פּאר וואכען וואקיישאן און ער וועט געווים אויך בייטראגען זיינס, ליטעראריש צו אונטערהאלטען די יוניטאריער. ווי מען גיט אונז איבער איז דארט אויך פאראן דער אידישער שרייבער צבי קאהן, וועלכער קאן אויך עפּעס בייטראגען, אויב ער וויל נאר, ווי אויך א. קארלין, זיסלמאן, נח שטיינבערג און דער באוואוסטער מוזיקער און כאר־דירינענט, לאזאר ווײנער.

אלזא, די קינסטלער קאלאניע אין דער יוניטי הויז וואקסט און פארגרעסערט זיך. עס זיינען דארטען געווים דא נאך אזוינע, פון וועלכע מיר דא ווייסען ניט. מיר וועלען זיך שוין מיט דער צייט עס דערוויסען.

* * *

ווען מיר געהן צום פרעס האבען מיר באקומען פון דער יוניטי הויז די לעצטע נייעס וועגען דעם „רייזען טאג״ אין יוניטי לאנד. צו דער געלעגענהייט, שרייבט מען אונז, וועט דורכגעפיהרט ווערען א רייכע ליטערארישע און קינסטלערישע פּראגראם.

א כאר פון קינדער, אונטער דער פיהרערשאפט פון מר. פּערסין וועט זינגען פארשידענע לידער, פארפאסט פון אברהם רייזין, איזידאר קעשיר, דער באוואוסטער אקטיאר פון דער אידישער ביהנע, וועט פארלעזען אברהם רייזין׳ס סקיצען. מרס. טייטעלבוים און סאניא ראדינא וועלען זינגען אברהם רייזענ׳ס ארבייטער לידער. מר. סעמיועל סיבאל־סקי, דער באוואוסטער טענאר, וועלכער האט באגייסטערט אונזערע סטרייקערס מיט זיין ליבער און הארציגער שטימע, ווען ער האט פאר זיי געזונגען אין פארשידענע שפּראכען, און איבערהויפּט מיט דעם ליד „מאיקא משמע לן״, פון אברהם רייזען. ער קומט ספּעציעל ארויס אין דער יוניטי הויז צו זינגען אט די ליד, און אויך אנדערע פון אברהם רייזינ׳ס ארבייטער לידער. ער וועט אקאמפּאנירט ווערען פון מר. מארקוס פערפּער. עס פארשטעהט זיך, אז דער רעגעלער „יוניטי כאר״ פון דערוואקסענע איז אויף דער פּראגראם און וועט טאן זיין בעסט.

אברהם רייזין, דער בעל־שמחה אליין, וועט אויך פארלעזען איינינע פון זיינע שאפונגען. גאנץ יוניטי הויז וועט זיין אזוי פול מיט רייזינ׳ען, דאס זאגאר דער „שיינעץ״ וועט אויך געווידמעט ווערען אין גאנצען צו רייזינ׳ען. עס ווערט ערווארטעט, דאס דער שבת אווענט זאל זיין אזוי גייסטרייך ווי עס איז געוועזען לעצטען זונטאג, ווען הונדערטער פון אונזערע מיטגלידער האבען אויסגערופען אין איין קול — „דער יוניטי גייסט לעבט!״

מ. טייטעלבוים, דער באקאנטער אידישער אקטיאר, וועט געבען אן אפּהאנדלונג איבער אברהם רייזין, אלס שרייבער און פארפאסער פון ארבייטער לידער.

זעקס ארגאניזאציעס „קאנקורירען״ אין דעם קויף פון סטאק פון יוניאן לייבאר לייף אינשורענס

זעקס ארבייטער ארגאניזאציעס „שלאגען זיך איצט פאר דעם כבוד צו האבען די גרעסטע צאהל סטאק אין דער „יוניאן לייבאר לייף אינשורענס קאמפּאניע״. די פּאטא־ענגרייווערס זיינען אבער איצט די ערשטע אויף דער ליסטע, אין דער צאהל שערס, ווי אויך אין דער צאהל לאקאלס וועלכע האבען גענומען שערס. מאטיו וואל, פּרעזידענט פון דער „יוניאן לייבאר לייף אינשורענס קאמפּאני״ איז אויך דער פּרעזידענט פון די פּאטא־ענגרייווערס יוניאן.

די פּלאמבערס האלטען די צווייטע פּאזיציע אויף דער ליסטע אין דער צאהל שערס און אין דער צאהל לאקאלס. די ריילוויי קארמען זיינען ארויסגעשטופּט געווארען פון דעם דריטען פּלאץ, וועלכער איז פארנומען געווארען פון די מוזיקאנטען יוניאן. די קארמען אבער, אונטער דער פיהרערשאפט פון מארטין רייען, האלטען זיך שטארק אן דעם דריטען פּלאץ אין דער צאהל פון זייערע לאקאלס, וועלכע קויפען סטאק.

אין דער צווייטער גרופּע פון די דריי ארגאניזאציעס, וועלכע שלאגען זיך פאר דער „לידערשיפּ״, זיינען די קארמען, וועלכע פארנעמען אן אנגעזעהענעם ארט אין ביידע אפּטיילונגען, די סטעריאטייפּערס און די סטריט ריילוויימען. אירגענד וועלכע פון די ארגאניזאציעס קענען ארויסטרעטען פון דער צווייטער אפּטיילונג און אריין אין דער ערשטער, און צווישען די זעקס ארגאניזאציעס קען אירגענד וועלכע פון זיי נאך פארנעמען דעם ערשטען פּלאץ און ארויסשטופּען די פּאטא־ענגרייווערס, וועלכע זיינען איצט די ערשטע.

אריבער הונדערט קלאוק פירמען שוין געסעטעלט; נייע פירמען מעלדען זיך צו דער יוניאן יעדען טאג

(שלוס פון זייט 1)

עס פארשטעהט זיך, אז אט די סע־טעלמענטס, וואס די יוניאן מאכט, זיינען זעהר נישט צום הארצען די אלע באלע־באטים וואס שטעהן אין קאמף מיט דער יוניאן. די דזשאבערס, אזוי גוט ווי די מאנופעקטשורערס. באזונדערס אבער איז ניט געפעלען די „אינסייד" מאנופעק־טשורערס, און ספעציעל די פיהרער פון דעם „אינדוסטריעל קאונסיל" וואס שי־סען נאך אלץ מיט סטייטמענטס אין דער באלעבאטישער פרעסע, צו „זייערע", משטייגס געזאגט, ארבייטער. מיט אמאל זיינען די ארבייטער, וואס ארבייטען ביי זיי געווארען „זייערע ארבייטער". אבער די ארבייטער פון די „אינסייד" שעפער ווייסען גאנץ גוט, אז די באלעבאטים האבען זיי פאר'ן סטרייק ניט באהאנדעלט ווי זיי וואלטען געווען „זייערע" אר־בייטער!

די קלאוקמאכער ווייסען גאנץ גוט, אז די „אינסייד" באלעבאטים האבען „זייערע" ארבייטער גאנץ פיין געלאזען זיצען ליידיג און די ארבייט ארויסגע־שיקט אין די שאפס פון די ששים רבוא קאנטראקטארלאך, וואס זיי האבען געהאלפען די דזשאבערס אנפלאדיען אין טרייד. עס איז דאריבער גאנץ נאריש פון די פיהרער פון „אינדוסטריעל קאונסיל", ווען זיי רעדען אין די סטייט־מענטס צו „זייערע" ארבייטער מיט אזא מין זיסקייט. „זייערע" ארבייטער לאכען פון דעם. אין די הויפענס און זאגען איינער צום אנדערען: „ווי געפעלט דיר, ווי אונזערע באלעבאטים האבען זיך מיט אמאל אזוי צעזיבעמערט, און מיט אמאל אונז גענומען ארויסווייזען אזא ליבע? אבער מיר קענען זיי! מיר געדענקען גוט די „רעארגאניזיישאנס" וואס זיי האבען געמאכט איבער אונז! מיר פיה־לען נאך די קלעפ וואס מיר האבען גע־כאפט פון זיי, ווען זיי האבען אונז ארויסגעווארפען פון די „אינסייד" שע־פער" און אונז געצוואונגען צו געהן אר־בייטען אין די שאפס פון זייערע קאנ־טראקטארס און סאב־מאנופעקטשורערס. יא, מיר קענען זיי!

אזוי רעדען צווישען זיך די סטריי־קער אין די האלס, די קלאוקמאכער, צו וועלכע די „אינסייד" באלעבאטים ווענ־דען זיך מיט זייערע סטייטמענטס און זיי לאכען זיך אויס פון דעם.

אלזא, די סעטעלמענטס וואס די יו־ניאן מאכט, זיינען זעהר און זעהר נישט צום הארצען די פיהרער פון דעם „אינ־דאסטריעל קאונסיל" און זיי ווילען זיך באטש קיהלען מיט דעם, וואס זיי זוכען צו מאכען די סעטעלמענטס צו קליין־געלט. זאגען זיי, אז די פירמען וואס האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן זיי־נען „קליינע", האבען נישט קיין „בא־דייטונג אין טרייד".

דער אמת איז, דאס צווישען די גע־סעטעלטע פירמען זיינען דא גרעסערע ווי א סך פון די וואס באלאנגען צום „קאונסיל". נעהמט, א שטיינער, די פיר־מע רייזמאן, ראטמאן און ביווער; די ווינשטיין קארפארישאן, ה. דייוויס, און נאך אזוינע, זיינען עס קליינע פיר־מען? אדער נעהמט די פיר דזשאבערס, וואס האבען געסעטעלט דא לעצטענס — פארטפאליא, הענרי ראזענצווייג, נאר־דאן וו. ליאנס און בענדזשאמין און ליווי. די דאזיגע פירמעס באשעפטיגען איבער 1000 קלאוקמאכער.

דער סעטעלמענט מיט דער פירמע קליפשטיין

דעם דינסטאג האט די יוניאן גע־מאכט נאך סעטעלמענטס. און צווישען די געסעטעלטע שעפער געפינט זיך די גרויסע פירמע, קליפשטיין, איינע פון די באדייטענדסטע פירמען אין טרייד. און די פיהרער פון „קאונסיל" וועט עס נאך מעהר פארדריסען, ווייל די פירמע קליפ־שטיין האט באלאנגט צום „אינדוסטריעל קאונסיל". זי האט זיך אפגעריסען פון „קאונסיל" און געסעטעלט מיט דער יוניאן. דאס איז פאר דער יוניאן א גרויסער געווינס.

ארום 5000 סטרייקער צוריק ביי דער ארבייט

די אונטערשטע שורה איז, דאס דער סטרייק שטעהט אויסגעצייכענט! דער אמת איז, דאס די פילע סעטעל־מענטס וואס די יוניאן האט שוין גע־מאכט, האבען אויפגערודערט דעם קלאוק מארקעט און אומעטום רעדט מען פון דעם. די „קאונסיל" מעמבערס פארדריסט גאנץ שטארק, וואס זייערע שעפער פוס־

טעווען און אין די שעפער פון די „אינ־דעפענדענטס", וועלכע האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן, נעהמט מען קלאוקס. אנשטאט בייזערען זיך, זאלען זיי לי־בערשט טאן דאס זעלבע, — זאלען זיי אויך סעטלען, וועלען זיי פארשפארען זיך ערגערען, וואס ביי לייטען נעהמט מען קלאוקס און ביי זיי ניט.

ווי מען גיט אונז איבער פון דער סעטעלמענט און ארגאניזיישאן קאמיטע, וועלען ביים ענדע פון דער וואך שוין זיין צוריק ביי דער ארבייט, אין געסע־טעלטע שעפער, אונטער'ן נייעם אגרי־מענט, ארום פינף טויזענט סטרייקער. און אט די ארבייטער, וועלען זיצענדיג ביי דער ארבייט, העלפען מיט אלץ וואס זיי וועלען נאר קאנען, פיהרען ווייטער דעם סטרייק, און דערפיהרען איהם ביז צו א זיגרייכען ענד, מיט אלע באלעבאטים אין טרייד. און מיר האפען, אז דאס וועט געשעהן גאר אין גיכען.

פון לאגער פון די באלעבאטים

איינע פון די וויכטיגסטע מעלדונגען פאר די קלאוק סטרייקערס איז די טעג געקומען פון דעם לאגער פון די באסעס גופא. אין דער טרייד־צייטונג „וואומענס וועיר", וועלכע ווערט פאררעכענט אלס די צייטונג פאר די באסעס, איז געדרוקט געווארען א לענגערע אפשאצונג וועגען דעם צושטאנד פון'ם סטרייק. עס פאר־שטעהט זיך, עס ווערען דארט דערציילט אלערליי געשיכטעס ווי אזוי די באסעס טרייען קריגען סקעב־ארבייט און נאך אזעלכע מעשיות. אבער אין די סאמע לעצטע עטליכע ווערטער לאזט די צייי־טונג ארויס די קאץ פון זאק. זי דער־צעהלט, נעמליך, אז די אינסייד מאנו־פעקטשורערס זיינען צונעדריקט צום וואנט פון דעם סטרייק, און אז זייער ביזנעס איז פאלשטענדיג דעמאראליזירט. אין דעם זעלבען באריכט ווערט אויך גע־זאגט, אז די דזשאבערס הויבען אן צו פיהלען דעם דרוק פון דעם סטרייק און וואס לענגער דער סטרייק וועט אנגעהן אלץ ערגער וועט עס ווערען פאר זיי.

פרעז. זיגמאן האט וועגען דיזען בא־ריכט געזאגט, אז עס באשטעטיגט די אינפארמאציע, וואס די יוניאן האט גע־קראגען פון זיכערע קוועלען וועגען דער לאגע פון די באסעס. די דזשאבערס, האט ער געזאגט, וועלען די נעקסטע עט־ליכע טעג דערפיהלען די גאנצע מאכט פון'ם סטרייק. ביז איצט האבען זיי זיך געקענט מאכען ווי גע'פגר'ט, אבער איצט אז די באיערס זיינען שוין אנגעקומען אין שטאדט און דער מארקעט פאדערט ווארע, וועלען זיי מוזען אנהויבען רעדען וועגען א סעטעלמענט.

א ליד פאר די סטרייקער

דאס ליד איז ספעציעל פארפאסט גע־ווארען פאר די סטרייקענדע קלאוקמאכער פון דעם יונגען פאעט פאמעראנץ. די מוזיק איז פארפאסט געווארען פון דעם באוואוסטען מוזיקער און דירידענט י. שייפער.

דאס ליד וועט אין די נעקסטע פאר טעג געזונגען ווערען אין די האלס. שניידט עס אויס, און לערנט זיך עס אויס אויף אויסווענינ.

קלאוקמאכער — ברידער און שוועסטער!
עס האבען די דזשאבערס געוואלט אונז פארשקלאפען,
מיר האבען גענומען דעם ארבייטער'ס וואפען, —
ארויס אין א סטרייק!
ארויס אין א סטרייק!
און ווייסט אלע באסעס, „גארילאס" און שפיאנעס,
דער קלאוקמאכער האט א סך מוט און עקשנות!
ער קעמפט ווי א לייב,
ער קעמפט ווי א לייב,
זייט פארזיכטיג שונאים, און היט זיך פארעטער,
די מינדסטע באוועגונג פון שונא, דערזעט ער,
ער שטייט אויף דער וואך!
ער שטייט אויף דער וואך!
דער באס מאכט פון אונזער פראצע עשירות;
פאר קירצערע שטונדען און גרעסערע שכירות,
מיר פיהרען די שלאכט!
מיר פיהרען די שלאכט!
צו בויען א פעסטונג אנטקעגען טיראנען
דער קלאוקמאכער האט שוין לאנג עס פארשטאנען,
אז יוניאן איז מאכט!
אז יוניאן איז מאכט!
מיר מוזען דעם קלאוקמאכער קאמף איצט געווינען,
מיר שווערען געטריי אונזער יוניאן צו דינען,
צו קעמפען ביז זיעג!
צו קעמפען ביז זיעג!
מיר זיינען באפאנצערט מיט דרייסטקייט און גלויבען,
דעם קלאוקמאכער קען קיין שום קראפט ניט צושטויבען,
איז שטארק ווי א פעלז!
איז שטארק ווי א פעלז!
און אלע געאייניגט, געשלאסענע רייען
מיר וועלען די פאנען, די רויטע צעווייען, —
באפרייען די וועלט!
באפרייען די וועלט!

דעם פרייטאג, 20טען אויגוסט, 1 אוהר בייטאג, וועלען געגעבען ווערען צוויי גרויסארטיגע קאנצערטען פאר די סטרייקער

דעם פרייטאג, דעם 20טען אויגוסט, איינס אוהר בייטאג, וועלען געגעבען ווע־רען צוויי קאנצערטען — אין הענינגטאן האל, 216 א. 2 סט., און אין גרייט סענט־ראל פאלאס, 90 קלינטאן סט. אין דער פראגראם וועלען זיך באטייליגען, צווי־שען אנדערע, איידא גרין און מיס מ. מענקעל, סאפראנאס; בען בערדזשינסקי און אברהם בערג, וויאלאניסטען; ס. סיבאלסקי, טענאר; מארקוס פערפער, רעבעקא ברוקמייער און א. ס. קארפעלד וועלען שפילען אויף דער פיאנא. ה. ווייי־נער וועט זינגען די „דובינושקא", און 2 פראמינענטע אקטיארען, מיטגלידער פון דער אידישער אקטיארען יוניאן, וועלען זינגען אידישע פאלקס לידער און וועלען פארלעזען הומאריסטישע און ארבייטער סקיצען. אום דער פראגראם זאל דורכגע־פיהרט ווערען אין גאנצען, ווערען די סטרייקערס אויפגעפאדערט צו קומען אין צייט.

* * *

די צוויי קאנצערטען, וועלכע זיינען געגעבען געווארען דעם מאנטאג אין מאנ־העטען לייסעאום און אין ארלינגטאן האל זיינען געווען אן אויסערגעוועהנליכער ארטיסטישער ערפאלג. די קינסטלער, וועלכע האבען זיך באטייליגט, האבען זיך ווירקליך אויסגעצייכענט מיט זייער זינ־גען און שפילען, און ווי די ארטיסטען גיבען איבער, האט אויך דער עולם זיי באגייסטערט מיט זייער אויפנאמע. די שטימונג איז געווען זעהר א געהויבענע. צו די קאנצערטען זיינען געקומען צוויי מאל אזוי פיל מענשען ווי די האלס האבען געקענט אריינגעמען, אבער דאך האט גע־הערשט די בעסטע ארדנונג.

מר. מאטוסעוויטש, וועלכער האט גע־שפילט אויף דער קאנצערטינא, איז גע־ווען באמת וואונדערבאר. ער האט אי־בערצייגט די טויזענטער קלאוקמאכער, וועלכע האבען איהם געהערט אין ביידע האלס, דאס דער אמת'ער ארטיסט קען זיך אויסדריקען שעהן און רייך אויף יע־דען אינסטרומענט.

מר. סעמיועל סיבאלסקי האט בא־גייסטערט די פארזאמעלטע מיט זיין לי־בער און הארציגער שטימע. דאס האט זיך געפילט אין אלע לידער, וועלכע ער האט געזונגען אין דריי שפראכען — אי־טאליעניש, רוסיש און ענגליש, — אבער איבערהויפט איז דער עולם באגייסטערט געווארען פון זיין זינגען אידישע ארביי־טער און פאלקס לידער, און דאס האבען זיי אויסגעדריקט מיט זייערע ווארימע אפלאדיסמענטען.

מאדאם טורעצקא האט ארויסגערופען א גרויס באוואונדערונג ווען זי האט גע־זונגען פאלקס לידער אין רוסיש און אי־טאליעניש. מיס איידא גרין, נאך א סאָ־פראנא, איז ווארים אויפגענומען געווא־רען פון דעם עולם אין מאנהעטען ליי־סעאום, וואו זי האט געזונגען. ערשטענס, פאר איהר שעהנער שטימע און צוויי־טענס, ווייל עס האט געהערשט א געווי־סער סענטימענט הינטער דעם, וואס זי איז די טאכטער פון א סטרייקער, וועל־כער איז א מיטגליד פון לאקאל 2.

מר. מארקוס פערפער און מר. סאמוז האבען פיל בייגעשטייערט מיט זייער אקאמפאנירען די ארטיסטען. מר. ה. ווינער, א סטרייקער און מיטגליד פון לאקאל 38, אויך א מיטגליד פון דעם כאר פון דעם אידישען נאציאנאלען פאר־באנד, איז שטארק אויפגענומען געווא־רען מיט זיין זינגען „דובינושקא" און דער עולם האט זיך גערן אנגעשלאסען אין דעם געזאנג.

די קאנצערטען ווערען ארגאנזירט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן צוזאמען מיט דער ענטערטיינמענט קאמיטע פון די סטרייקערס.

רבנים אפעלירען פאר א פינף־טאגיגער ארבייטס־וואך

דער פאלגענדער סטייטמענט איז לעצ־טע וואך ערהאלטען געווארען אין אפיס פון אונזער אינטערנעישאנאל יוניאן און איז אויך פארעפענטליכט געווארען אין דער אלגעמיינער פרעסע:

„צו די באלעבאטים און ארבייטער אין דער קלאוק אינדוסטריע:

ווערטהע הערהען: —

„ניט שטעלענדיג זיך אויף איר־גענד וועלכער זייט, אין די איצטיגע שוועריגקייטען צווישען באלעבאטים און ארבייטער, מיר, די אונטערגעצייכענטע פארשטעהער פון דעם פארבאנד פון אר־טאדאקסישע רבנים פון די פאראייניגטע שטאאטען און קענעדע, דער רבנישער אסעמבלי פון אמעריקא, די יוניאן פון ארטאדאקסישע קהילות, און פון דער פאראייניגטער שול פון אמעריקא, מאכען די ערנסטע בקשה צו אייך, דאס איהר זאלט זיך באמיהען צו טאן אלעס וואס נאר אין אייערע מעגליכקייטען, כדי צו מעגליך מאכען א פינף־טאגיגע ארבייטס־וואך אין אייער אינדוסטריע.

„מיר זיינען איבערצייגט, אז נאר דורך דער איינפיהרונג פון דער פינף־טאגיגער וואך וועט עס מעגליך זיין אפ־צוהיטען דעם שבת, און מיר האלטען, אז עס איז די הייליגסטע פליכט פון יע־דען אידען צו העלפען אפשאפען די אר־בייט אין דעם הייליגען שבת.

רבי י. ראזענבערג
רבי ל. סעלצער
רבי ה. גאלדשטיין
אלבערט וואלד".

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, Presiden: A. BAROFF, Sec'y-Treas.
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 34. New York, Friday, August 20, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

געכאַפּט די תליה פאַר'ן גאָרגעל

(פון אונגאַריש)

פון פּאול קעריי*)

אין פרילינג־צייט פלעגט מען אונז פאַרטאָג אַרויסטרייבן אויף אַ האַלבע שעה, „אויס'ן שפּאַציר!“ אין דער פאַרשלאָסענער שטילקייט פלעגן זיך פלוצלינג אַריינרייסן מיט רעש און געפּילדער באַפעלעריש־רויע, נאַריש־קוויטשעדיגע שטימען, שליסלען פלעגן אָנהויבן קלינגען און איינע נאָך די אַנדערע פלעגן אויפגעריסען ווערען די טירען.

פרילינג־צייט פינף אַזייגער פאַרטאָג. בייסיג־פריש האָט געשטראַלט די אויפגייענדיגע זון. און ווי ביי בהמות, וואָס זיינען תמיד פאַרשפּאַרט אין שטאַל, אָדער ווי ביי קעלער־געוויקסען האָבען זיך אויך ביי אונז פון דער באַריהרונג מיט'ן פרילינגס־פריהמאָרגען דערוועקט כחות, וואָסטען און פאַרלאַנגען און עס האָט אָנגעהויבען שטראָמען אין אונז אַ ווערגלאַז, רחבותדיג לעבען. ווינט און זון האָבען צוזאַמען אַרויסגעשטויסען פון אונזערע נעזער דעם מיאוסען אינגערפריהעגדיגען תפיסה־ריח, וועלכער איז דורך און דורך דורכגענומען מיט געשטאַנק פון די עמערס וואָס מיר, אַ מאַן הונדערט, האָבען איצט אַלע געטראָגען צום זעלבען אָרט אויסגיסען. ווי דורך אַ כישוף איז איצט מיט אַ מאָל פאַריאָגט געוואָרען פון אונז דער דאָזיגער ריח, ווי אויך די אַלע איבעריגע עקעלהאַפט־זויערליכע תפיסה־ריחות און מיר האָבען פריי איינגעאָטעמט אין זיך דעם שמעקעדיגען פרילינגס־פריהמאָרגען.

בהמות, וועלכע מען טרייבט אַרויס פון שטאַל, פיהרט מען סוף כל סוף שעכטען. מיר אָבער וועלען אין אַ האַלב שעה אַרום צוריק אַוועקטראָגען דעם דאָזיגען בליענדיגען לעבען אין דער האָפנונגסלאָזינקייט אַריין, אין דער פאַרוואָרלאָזטער ווייסטעניש פון די גרויזאַם ווייסע פיר ווענט פון אונזער שטיינערנעם קבר, אין וועלכען דאָס לעבען קוקט אַריין בלויז כדי חוזק צו מאַכען...

מיר דרייען זיך אַרום אַ רונדיגען פּלאַץ, וואָס איז באַוואַקסען מיט גראָז, איינציגוויז, איינער הינטער'ן אַנדערען. מיר אײַלען זיך, פּונקט ווי מיר וואָלטען וואָס גיכער מוזען קומען אויף אַ באַשטימטען אָרט, וואָס גיכער דערגרייכען אַ וועלכען נישט איז ציל. די קראַנקע קענען דאָס נישט מיטמאַכען און בעטען, אַז מען זאָל זיי לאָזען שטעהן פון דער זייט...

איבער אונז פליהען מיט רעש און געשריי קראָען און באַדעקען מיט זייער שוואַרצקייט דעם הימעל. גאַנצע מחנות קראָען, אַ סך, אַ סך טויזענטער. יעדען פריהמאָרגען, פּונקט אין דערזעלבער צייט, הויבען זיי זיך אויף פון די בוימער פון'ם שכנות'דיגען בית עולם, וואו זיי האָבען זייער'ע נעסטער, און לאָזען זיך אַוועק אין שטאָדט אַריין אויף דער טעגליכער אַרבייט. און צום זונען אונטערגאַנג, תמיד פּינקטליך אין איין און דער זעלבער צייט, קערען זיי זיך אום פון שטאָדט פון דער אַרבייט צוריק. און מיט אַ ווילדער פאַטשעריי פון פליגלען, וואָס צויאָגט די וואָלקענס מיט אַ שניידיג־קוויטשעדיגען געשריי, העלפען זיי מיט אונטערגעהן דער זון...

אויך דער טשיזשיק איז דאָ אויף דעם נאַקעטען טאַמאַרינדען־בוים; רעגעלמעסיג דרייט ער זיין קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס פּונקט ווי ער וואָלט דאָרטען געזעסען בלויז אויס לאַנגווייליגקייט. בשעת ער מיינט שוין אָבער, אַז ער האָט דורכגעלאָזען זיין לעצטען שונא, שפּרינגט ער פלוצלינג אַראָפּ פון אַ צווייג און ווערט פאַרשוואונדען אין אַ לאָך. אין אַ שנאַבעל האַלט ער אַ פלוים און הויבט תיכף אָן בויען זיין פאַרבאָרגענע נעסט. מעהר ניט איין קליין פויגעלע, מיין נאַרישע, נישט פאַרזיכטיגע פריינדין, שטעהט נאָך איצט איך אונטער מיין פענסטער, ווייל שטילערהייט גיב איך איהר אַמאָל עפּעס עסען. זי גראַבט, לויערט, רייבט זיך אָן דערבייאיגען קוסט און וואַרט מיט אומגעדולד ביז איהר נעסט, וואָס זי האַלט אין בויען, וועט אָנגעפילט ווערען מיט הילפלאָזע קליינוואַרג.

מיר אָבער גייען איצט נישט אָן די פויגלען. אין דער רעכטער זייט פון אונזער רונדיגען שפּאַציר־אָרט געפינט זיך אַ לאַנגע, נידעריגע שאַפּע. אין דער דאָזיגער הילצערנער בויד ליגען אָנגעוואָרפען אַלערליי וועקצייג, וואַגענס און פאַרשידענע אַנדערע זאַכען. נעכטען האָט מען אין דער דאָזיגער שאַפּע גראָד געעפענט אַ פענסטערל, וואָס געפינט זיך ביי דער ערד און פון דאָרטען האָט עפּעס אַרויסגעשטאַרצט... יאָ, דאָס פענסטערל איז אויך היינט אָפען.

אינגוויינינג אין דער שאַפּע איז פעך־שוואַרץ, אָבער ביי דער ערד, וואו דאָס פענסטערל איז אָפען, דרינגט אַריין אַ שטראַל פון דער נידעריג־אויפגייענדיגער זון. און דאָרטען, אָנגעשפּאַרט אָן דער עפענונג, ליגט „זי“, וואַרעמט זיך־אויף דער זון, קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער און שטשירעט מיט די ציין, פּונקט ווי זי וואָלט אונז זעהען.

אומעטום: אויפ'ן שפּאַציר, ביי דורכלויפענדיגע באַגעגענישען, דורכ'ן פענסטער, דורך דער רעהר, וואָס האָט פריהער געדינט אויף פונאַנדערצוטראָגען די וואַרימקייט איבער די קאַמערען, און איז אָבער איצט כסדר קאַלט און ווערט דורך אונז באַנוצט איבערצוגעבען די שטילסטע קלאַנגען פון אַ שטים, דורך אַ וואונק און אַמאָל ממש על פּי נס, דורך דער לופט דערוויסט מען זיך נייעס אין תפיסה. אַזוי אַרום האָבען מיר. זיך דערוואוסט, אַז דאָ אין תפיסה געפינט זיך „זי“, די תליה, אויף וועלכער עס זיינען אומגעקומען די חברים לאַסצלאַ און קאַרווין. איינער פון אונזערע חברים, וועלכען מען האָט אין תפיסה אויסגעלערענט סטאָלעריי, האָט זי אויסגעבויט. מען האָט איהם געצוואונגען אויסבויען אַ תליה, אויף וועלכע מען האָט דערנאָך אויפגעהאַנגען זיינע צוויי חברים. איצט געפינט ער זיך אין רוסלאַנד. בשעת אין אונגאַרן האָט נאָך געהערשט „אָרדנונג“ האָט זיך אַ תליה געפונען בלויז אין קרימינאַל־מוזעאום. איצט ליגט זי דאָ אין שפּייכלער.

דערזעהן האָב איך זי נעכטען, בשעת'ן „שפּאַציר“, און פון נעכטען אָן לאָזט זי מיר נישט רוהען. וועגען וואָס איך זאָל נישט טראַכטען, קערען זיך מיינע געדאַנקען ווידער אום צו איהר. אין מיין פאַרשטעלונג איז זי זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען ווי עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך און איך קען זיך שוין נים דערוואַרטען ביז איך וועל זי ווידער זעהן.

נאָר אָט איז זי! אָט קוקט זי דורכ'ן פענסטער! דער קאָליר איהרער איז אַ שוואַרצלאַך־גראָער. אפשר דערפאַר, ווייל זי איז מיט עפּעס דורכגעזאַפּט און אפשר איז זי פאַרשוואַרצט געוואָרען פון עלטקייט? דער קאָפּ איהרער איז פון אויבען פיין פאַרקײַלעכדיגט, דעם קערפּער אין זיין גאַנצער לענג האָב איך נישט געקענט זעהן, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָרען אין דער טונקעלקייט פון דער שאַפּע. איך האָב בלויז געזעהן דעם אויבערשטען טייל, ווי ער האָט זיך אַרויסגעבויגען אויפ'ן שיין פון דער זון. די צוויי לאַנגע שפּיציג־פאַרשניטענע שטאַנגען, וואָס האָבען דערמאָנט אָן די צוויי געהאַנגענע, וואָס זיינען צווישען זיי אומגעקומען, זיינען געווען שוואַרצער ווי דער גאַנצער קערפּער. די צוויי פאַרשפּיציגטע שטאַנגען האָבען חוצפּה'דיג און גזלנ'יש געשטשירעט מיט די ציין. און דער אייזערנער האָק איבער'ן מיט.

— דאָס איז געווען דער לאַנגער נאַ־ וואָס איז געווען פאַרדרייט אין אַ זייט ווי אַ קאָפּ פון אַ טויטען...

איך פלעג זיך קוים דערוואַרטען ביז מיר פלעגט אַ צווייטען מאָל אויסקומען צו געהן פאַרביי איהר. איך האָב געפרובירט אויפמערקזאַם מאַכען אויף איהר מיינע חברים, זיי האָבען אָבער נישט פאַרשטאַנען מיינע וואונקען... הגם עס זיינען געווען צווישען אונז אַ מאַן אַכצען, פאַר'משפּט'ע צום טויט...

ווידער אַמאָל איז מיר אויסגעקומען צו געהן פאַרביי איהר, פאַרביי דער תליה. איך האָב זיך דערנעהנטערט צום פענסטערל.

— צוויי מענשליכע לעבענס האָסט אין זיך, דו אומפאַרשעמטע, געמיינע שטיק האָלץ. צוויי אָפּגעשניטענע לעבענס פון מענשען, וועלכע איך האָב גוט געקאַנט. איינער פון זיי איז געווען אַ לאַנגע צייט מיינער אַ שכן... דו האָסט זיי איינגעשלונגען. אָן דיין שוואַרצען האָלץ האָבען זיך אָפּגעקלאַפּט זייערע קערפּערס, בשעת זיי האָבען אויפגעציטערט אין זייערע לעצטע קראַמפען פאַר'ן טויט. זיי זיינען איינגעזאַפּט אין דיר, און בשעת דער האָלץ־וואָרים גריזשעט דיך, צי בלייבט ער נישט שטעהן פאַרחידושט און פרעגט נישט, וואָס דאָס איז אין דיר אַזוינס? ווייל ער געפינט ביי דיר נישט קיין שפּאַלטען, נישט קיין קין, נאָר מענשליכער צער און פּיין! דו שטשירעסט דיינע ציין! גיב אַרויס דעם סוד, גיב איהם אַרויס, דו, וואָס שטשירעסטו אַזוי חוצפּה'דיג מיט דיינע ציין!

איך בין ווייטער געלאָפען. אָבער איך וועל דאָ באַלד ווידער זיין. און דעמאָלט, דעמאָלט וועל איך איהר שוין פּאַקען פאַר'ן גאָרגעל...

אינווייניג אין קרייז שטעהען די טורמע־וועכטער מיט בלויזע שווערדען אָפּגערוקט איינער פון אַנדערען. פון יענער זייט געפינט זיך די זשאַנדאַרמען־וואַך. אומגעקומפּערטע, געזונטע יונגען, אַלע אַנטלאָפענע פון זיבענביהרגען, אַלע שוין אין אָפיצערן־אַמט. אָבער זייערע עפּאָלעטען, די אָפּגעשמעלטע זילבערנע שטרייפען, מיט וועלכע עס זיינען באַפּוצט זייערע קראַגענס מיט וואָס זיינען זיי עס צוגעקלעפּט? ניטאָ צווישען זיי קיין איינער, וואָס זיין האַנט זאָל נישט זיין באַשפּריצט מיט מענשליכע בלוט...

איך מוז אָבער פּאַקען דאָס שטיק האָלץ, וואָס שטשירעט אַזוי! איצט וועל איך עס געוויס פּאַקען. אַ סראָקע איז געקומען צו פליען און האָט מיט איהר גאַנצען כוח אָנגעהויבען האַקען די איינגעפּראַרענע ערד. איהר פאַנאַנדערגעשפּרייטע־פליגעל האָט זילבער־שוואַרץ געגלאַנצט אויף דער זון. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו מיין לעבעדיגען שונא.

— צוויי טריט אָפּגערוקט! — האָט אַ גרילץ געטאָן אַ באַפעלעריש־רויע שטימע. יאָ, פון אויפרעגונג בין איך צו ווייט פאַרלאָפען. איצט איז עס געווען אוממעגליך, זי ליגט נאָך אָבער אַלץ ביים פענסטער מיט איהר אויסגעשטשירעטע ציין.

— וואָרט, אַקאָרשט, וואָרט, דו לעבענס פאַרטילערקע, איך וועל דיר פּאַקען, היינט נאָך מוז איך האַלטען אין מיינע הענט דיין פאַרשאָלטענע שטיק האָלץ! דיין שטיק האָלץ, וואָס איז אָנגעזעטיגט מיט מענשליכע לעבענס, מיט וועלכען דו ביזט אַזוי שטאָלץ און וואַרעמסט, עס מיט אַזאַ חוצפּה אויף דער זון!

און בשעת איך בין נאָך אַמאָל צוגע... צו איהר, האָב איך אַ רוק געטאָן מיין האַנט אין פענסטערל און האָב זי אָנגעכאַפּט, געכאַפּט די תליה פאַר'ן גאָרגעל. לאַנגזאַם האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף הינטען, לענג אויס פון דער וואַנט אָן וועלכער זי איז געווען אָנגעשפּאַרט, האָט זיך אַ גליטש געטאָן אין דער פינסטערניש אַריין און איז פאַרשוואונדען...

— אַריין! — האָט אַ קלונג געטאָן אַ באַפעלעריש־רויע, נאַריש־קוויטשעדיגע שטים. דער „שפּאַציר“ האָט זיך געענדיגט. אין טומעל ביים אויסשטעלען זיך אין די רייען האָט קיינער גאָרנישט באַמערקט. איך האָב אָבער מיין רעכטע האַנט געהאַלטען ווייט אָפּגערוקט פון קערפּער פּונקט ווי איך וואָלט זי אין עפּעס איינגעשמירט. איך האָב געפילט די וואַרימקייט פון דער תליה. זי איז געווען וואַרעם פון דער זון, וואָס האָט זי אָנגעוואַרעמט. איך אָבער האָב געהאַט דעם געפיל ווי דאָס האָט זיין די וואַרימקייט פון די צוויי מענשליכע לעבענס, וואָס זי האָט אויסגעזויגען.

אַ לאַנגע צייט נאָך האָט מיך געשווידערט פון דער דאָזיגער וואַרימקייט.

*) פּאול קערי איז אַן אונגאַרישער סאָציאַליסט, אַ גלענצענדער זשורנאַליסט, וועלכער איז דורך דער האָרטי־רעגירונג אומשולדיג פאַרמשפּט געוואָרען צום טויט. דריי יאָהר איז איהם אויסגעקומען צו זיצען געשמידט אין קייטען, דיבעטענדיג זיך יעדען טאָג אויפ'ן טויט. ער איז געראַטעוועט געוואָרען דורך דעם, וואָס די סאָוויעט־רעגירונג פון רוסלאַנד האָט איהם אויסגעביטען.

אין דער דערציילונג שילדערט ער אַן עפּיזאָד פון זיין שרעקליכען תפיסה־לעבען. — רעדאַקציע.

דר. רופּינ'ס בוך אַרויס אין ענגליש

דאָס בוך פון דר. אַרטור רופּין וועגען דער אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פיהרט אָן אין ארץ ישראל איז ערשט אַרויס אין ענגליש, אַרויסגעגעבען פון'ם פאַרלאַג מאַרטין האָפּקינסאָן און קאָ., לאָנדאָן. דאָס ציל פון'ם בוך איז קלאָר רעזומירט אין די פאָלגענדע שורות, וועלכע מיר נעהמען אַרויס פון'ם מחבר'ס הקדמה:

„דאָס בוך איז די פּרוכט פון די זיבעצעהן יעהריגע באַציהונגען, וואָס איך האָב געהאַט, זייענדיג אין דינסט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע. דער אָנהויב איז געווען קליין, אָבער די זאַך פון דער קאָלאָניזאַציע איז געוואַקסען כסדר ביז זי האָט דערגרייכט איהר איצטיגע באַדייטענדע גרויס. אין מיין איבערבליק איבער דער אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע האָב איך נים געוואָלט פאַרדעקען די שוועריגקייטען און שטערונגען, וועלכע ליגען איהר אין וועג. ניט געהענדיג אין די פוס־טריט פון די וועלכע ווילען פאַרטושען די שוועריגקייטען אָדער פאַרקלענערען זייער וואָג, האָב איך זיך באַמיהט אויפצואַוועקען דעם געוויסען פון'ם ציוניסטישען עולם און געבען איהם די מעגליכקייט טיפער אַריינקוקען אין די פּראָבלעמען, מיט וועלכע די קאָלאָניזאַציע האָט זיך צו ראַנגלען. דאַן האָב איך זיך געמיהט צו דערווייזען, אַז אַהן אַן אַגריקולטורעלער קאָלאָניזאַציע איז דער אויפבוי פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל נים מעגליך“.

„סטראָנג באָי וואָנטעד“

(בילד)

פון ברוך מיללער

נעקומען איז שמעון אַהער געזונט, שעהן, פול מיט לעבען. האָט דער גאָט פון אַרבייט באַפוילען, אַז שמעון מוז אַרבייטען אין אַ פאַבריק פון אייזען. האָט ער ענערגיש געאַרבייט, שטונדען אָהן צאָל, און דורך זיינע קליינע שכירות האָט ער זיך נים געקענט פאַרגינען אַפילו עסען צו זאַט.

עטליכע מאָל האָט שמעון געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאָדערען אַ לוין־העכערונג, אָבער ער האָט קיין מוט נים געהאַט. פון קיין יוניאָן האָט מען אין דער פאַבריק נים געוואוסט. האָט ער באַשלאָסען צו אַרבייטען פלייסיגער, — דער פאָרמאַן וועט איינזעהן, וועט ער פאַרשטעהן, וואָס שמעון מיינט. און ווען דער פאָרמאַן האָט זיך געמאַכט נים וויסענדיג, האָט שמעון זיך ... געהאַלטען ביי זיין באַשלוס, אַז דער פאָרמאַן וועט דאָך איינזעהן.

און אַזוי זיינען היינט און ...נענס געפלויגען, און ... יעדען טאָג האָט שמעון אַלץ מעהר אַרבייט געמאַכט, ביז ער איז קראַנק געוואָרען, און פון פאַבריק גלייך אין האָספּיטאַל אַריין.

קיינער האָט נים געוואוסט, ווען שמעון איז אַריין אין האָספּיטאַל, און קיינער האָט איהם קיין בלומען נים געבראַכט. ער איז געווען אַן עלענדער אין לאַנד.

גאַנצע צעהן וואָכען האָט זיך שמעון געפונען אין האָספּיטאַל אין אַ שווערען צושטאַנד.

אָבער דער גאָט פון אַרבייט האָט געוואַכט איבער איהם און נים געלאָזט שמעונ'ען זיין לעצטען אָטעם אויסהויכען.

ווען ער איז אַרויס פון האָספּיטאָל האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַזוי שנעל פון קיין אַרבייט נים טראַכטען. פריהער מוז ער זיך ערהוילען און דאַן ערשט געהן אַרבייטען. און אַז ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז אָרעם, ער האָט נים פון וואָנעט, האָט אַ דאָקטאָר שטרענג באַפוילען: דו מוזט! אַז נים וועסטו שוין קיינמאָל נים אַרבייטען...

דער גאָט פון אַרבייט איז ביי דער זייט געשטאַנען און געשמייכעלט, און שמעון האָט אין עטליכע טעג אַרום געבלאָנדזשעט איבער די רוישיגע גאַסען אין געזוכט אַרבייט.

— איך וועל צוגעהן צו מיין אַלטער פאַבריק, האָט שמעונ'ען אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. דאָרטען האָב איך דאָך מיין געזונט פאַרלוירען... האָט ער ווייטער געטראַכט.

ווען ער איז פאַר דער ריזיגער געביידע געשטאַנען, האָט ער באַמערקט אַ סיין: „סטראָנג באָי וואָנטעד“.

ער האָט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל געטאָן און זיך אַליין געפרעגט: זאָל איך אַרויפגעהן? בין איך אַ „סטראָנג באָי?“ ער האָט באַשלאָסען אַרויפצוגעהן.

— זיי וועלען זיכער מיט מיר מיטלייד האָבען און געבען מיר דערווייל לייכטערע אַרבייט, ביז איך וועל צו זיך קומען. מיט אַזאַ געדאַנק איז שמעון אַרויף.

מיט אַ געמאַכטען קוראַזש האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די הענטעל פון דער שווערער טיר, וועלכע איז מיט אייזען באַקלאַפּט, און וועלכע ער האָט אַמאָל גאַנץ לייכט געעפענט. אָבער יעצט האָט ער זיך געמוזט באַנוצען מיט ביידע הענט... און ער האָט פון זיך אַליין חוזק געמאַכט: נו, עפּעס שנעלער, שמעון!

דער בעל האָט אָנגעהויבען גרילצען און דער פאָרמאַן האָט זיך באַלד באַוויזען.

— העלאָ, מיסטער ראַטמאַן!

— העלאָ! שמעון, — האָט איהם דער פאָרמאַן גאַנץ העפליך אויפגענומען. — ענדליך זעהט מען זיך ווידער.

אָבער דעם פּלאַץ צו דער אַרבייט האָט ער צוריק נים באַקומען. גאַנץ העפליך האָט איהם דער פאָרמאַן געזאָגט, אַז זיין פּלאַץ איז פאַרנומען פון אַ צווייטען אַרבייטער, און אַלץ וואָס מען דאַרף איצט, איז אַ „סטראָנג באָי“, נים איהם.

מיט אַ צובראָכענע געמיט האָט ער וואַקלענדיג פאַרלאָזען די פאַבריק, נים וויסענדיג וואוהין, מיט אַ פלוך אויף זיינע ליפּען...

אין דער קאַטערס יוניאָן, לאָקאַל 10

פון ס. ב. שעהנקער.

ענגלישע ארבייטער פיהרער אדרעסירען די קאַטערס אין ארלינגטאָן האָל

א דראמאטישער מאמענט איז פאר־געקומען אויף דעם וועכענטליכען מאס־מיטינג פון די סטרייקענדע קלאוק און סוט קאטערס מיטוואך, דעם 1טען אוי־גוסט, אין ארלינגטאן האל, ווען בען טילעט, פארשטעהער פון בריטיש טרייד יוניאן קאנגרעס, וועלכער מאכט א טור איבער אמעריקא פאר די סטרייקענדע מיינערס פון ענגלאנד, האט אפעלירט פאר פינאנציעלע הילף, און האט אונ־טערגעשטראכען די נויטווענדיגקייט פון דיזער הילף פאר די צוויי מיליאן קינ־דער פון די סטרייקענדע מיינערס.

אין פארלויף פון זיינע 45 יאהר־טעטיגקייט אין דער ארבייטער באווע־גונג אין ענגלאנד, האט בען טילעט באהויפטעט, אז ער איז קיינמאל ניט געשטאנען פאר אזא שווערע אויפגאבע ווי די וועלכע שטעהט איצט פאר אין ענגלאנד. די מיליאנען פרויען און קינ־דער פון די מיינערס אין ענגלאנד, וועל־כע דארפען שטיצע, געפינען דאס זיי מוזען זיך ווענדען צו די אמעריקאנער ארבייטער פאר שטיצע. ער וויים, האט ער באהויפטעט, דאס די קלאוקמאכער האבען איצט זייערע אייגענע פראבלעמען און פיהרען אליין אן א סטרייק, אבער די מיינער אין ענגלאנד. קענען זיך צו קיינעם ניט ווענדען, אויסער זייערע ברי־דער ארבייטער אין די אנדערע לענדער.

ער האט גראטולירט די קלאוקמאכער מיט זייערע ביז איצטיגע אויפטואונגען און האט ערקלערט, דאס ווען די ארביי־טער שטעלען זיך אלס ארגאניזירטע קערפערשאפט געגען די באלעבאטים, קע־נען זיי זיין זיכער מיט אן ערפאלג.

ברודער איזידאר נאגלער, פארזיצע־נדער פון מיטינג, האט פארזיכערט דעם רעדנער, דאס די קאטערס ארגאניזאציע וועט שטיצען די ענגלישע מיינערס, און דאס אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן האט שוין געגעבען פינאנציעלע הילף. דיזע באמערקונגען זיינען אויפגענומען געווא־רען פון די פארזאמעלטע מיט גרויסע אפלאדיסמענטען. אנדערע, וועלכע הא־בען אדרעסירט דעם מיטינג, זיינען גע־ווען ברודער דזשאנס, רעפרעזענטירענדיג די יארקשייר מיינער, און מאכט איצט דעם טור צוזאמען מיט בען טילעט; אגוסט קלעססענס, סאציאליסטישער שרייבער און לעקטשורער; מענעדזשער דוד דובינסקי, און לואיס הייטאן, טשער־מאן פון גענעראל סטרייק קאמיטע.

ברודער הייטאן האט געגעבען אן אי־בערבליק פון דער סטרייק טעטיגקייט. אין פארלויף פון זיין באריכט האט ער באמערקט, אז ערשט איצט, ווען דער־נאכמאלער ס'זאן דארף זיך אנהויבען, און די קלאוק מאנופעקטשורערס לויפען ארום זוכען א וועג ווי אזוי צו פרא־דוצירען זייערע קלאוקס, וועט דער סטרייק באמת ערנסט. אבער די רייען פון די סטרייקער זיינען סאליד און די ארבייטער הערען זיך ניט איין צו די „סטייטמענטס" פון די מאנופעקטשו־רערס.

קלעססענס האט זיך לענגער אפגע־שטעלט וועגען די פאדערונגען פון דער יוניאן און האט געזאגט, אז וואס די ארבייטער ווילען איצט דערגרייכען איז די סטאביליזירונג פון דער אינדוסטריע, ווי דאס ווערט אנגעוויזען אין די פא־לאנגען פאר לימיטאציע פון קאנטראק־טארס, א גאראנטירטע פעריאדע פון ארבייט און א 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך.

דובינסקי, ריידענדיג וועגען די שע־פער, וועלכע האבען געסעטעלט, האט געזאגט, דאס דער אינדאסטריעל קאנסיל מאכט א פארזוך אוועקצומאכען מיט דער האנט די סעטלמענטס, וועלכע זיינען ביז איצט געמאכט געווארען, באהויפטענדיג, דאס די יוניאן האט געסעטעלט בלויז מיט קליינע שאפּקעס. ביז איצט, האט דובינסקי ערקלערט, האבען זיך דריי טוי־זענט ארבייטער אומגעקערט צו דער אר־בייט, וואס דאס מאכט א סך הכל פון ארום 350 ארבייטער צו א שאפ. דער סעטלמענט קאמיטעט באטראכט איצט די אפליקאציעס פון אכט ברוקלינער שעפער, וועלכע ווערען אונטערזוכט, און וועלכע וועלען ווארשיינליך געסעטעלט ווערען. דאס וועט מיינען, אז נאך 1500 ארבייטער זועלען צוריקגעהן צו דער אר־בייט. דובינסקי און נאגלער האבען ביי־דע גראטולירט די קאטערס מיט זייער גו־טער ארבייט אין סטרייק. א צאהל ברוקלינער קאנטראקטארס האבען פרו־בירט עפענען די שעפער, אבער האבען זיך נאכהער געמוזט צומאכען ווייל זיי האבען ניט געקענט קריגען פייז קאטערס.

דובינסקי האט ערקלערט, אז ער האט געהערט, אז איין באלעבאס האט געוואלט געבען אזוי פיל ווי 200 דאלאר א וואך צו קאטערס זיי זאלען ארביי־טען ביי נאכט.

דרעס קאמפּיין אנגעפאנגען

נאך עטליכע וואכען פון פארבאריי־טונג, איז לעצטען דינסטאג, דעם 10טען אויגוסט, אנגעפאנגען געווארען א דרייוו, געגען די אפענע שעפער אין דרעס טרייד. א קאמיטעט פון ארום 30 קאטערס הא־בען לעצטען מאנטאג, דעם 9טען אויגוסט, באזוכט א מיטינג פון אקטיווע טוער אין דרעס טרייד, וואו עס זיינען געמאכט געווארען די לעצטע פארבארייטונגען. אין עס זיינען געגעבען געווארען די לעצטע אינסטרוקציעס צו די ארבייטער וועלכע וועלען זיך באטייליגען אין דיזען דרייוו.

די קאטערס זיינען זעהר פאראינטע־רעסירט אין דיזען דרייוו, ווייל עס זיי־נען דא א גאנץ גרויסע צאהל גרעסערע „אפען שעפער", וואו די ארבייטס־בא־דינגונגען זיינען פיל נידעריגער, ווי די באדינגונגען וועלכע עקזיסטירען אין יו־ניאן שעפער. גאנץ אפט זיינען יוניאן ארבייטער געצוואונגען צו אננעמען שטע־לעס אין דיזע שעפער. די יוניאן אר־בייטער זעהען איין, אז אזא צושטאנד קען ניט דערלאזען ווערען צו עקזיסטירען, און דעריבער, אזוי שנעל ווי זיי קומען ארויף ארבייטען אין אזעלכע שעפער, מעלדען זיי זיך צו דער יוניאן און שלא־גען פאר זייערע דינסטע צו העלפען אר־גאניזירען די „אפען שעפער".

אין פארלויף פון די לעצטע דריי וואכען זיינען קאמיטעס פון קאטערס גע־ווען אקטיוו אין דעם פארזוך צו באקענען זיך מיט קאטערס, וועלכע ארבייטען אין „אפען שעפער" אין דרעס טרייד. באריכ־טען פון זייערע אונטערזוכונגען זיינען אויפגענומען געווארען אין אפיס פון דער יוניאן און די אינפארמאציע איז אי־בערגעגעבען געווארען צום דזשאינט באארד. די קאמיטעס וועלען איצט פארזעצען זייער טעטיגקייט דורך דעם דזשאינט באארד.

טעטיגקייט פון קאטערס אין די מיסעלעניוס טריידס.

אין פארלויף פון די לעצטע צוויי וואכען האט זיך באוויזען א באזונדערע אקטיוויטעט אין דער „מיסעלעניוס" אפ־טיילונג פון לאקאל 10. דריי קינדער־דרעס און קאוט שעפער זיינען יוניאני־זירט געווארען. די דריי שעפער האבען צוזאמען באשעפטיגט אונגעפעהר 10 קא־טערס. כאטש אייניגע פון די קאטערס האבען אין דער צייט ווען דער אגרימענט האט געדארפט אונטערגעשריבען ווערען, באקומען דעם מינימום סקייל, איז די יוניאן אבער באשטאנען אויף דעם און האט פאר זיי געקראגען העכערונגען פון 2 ביז 5 דאלאר א וואך.

די יוניאניזירונג פון דיזע שעפער איז אין צוזאמענהאנג מיט די פלענער פון דער יוניאן, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען מיט א צייט צוריק. די יוניאן האט געפיהלט, דאס עס זיינען פאראן א גרויסע צאהל „אפען־שעפער", און דאס אן ארגאניזאציאנס־דרייוו וועט דארפען דורכגעפיהרט ווערען פאר דעם צוועק צו ארגאניזירען אזוי פיל פון די אפענע שעפער ווי נאר מעגליך. עס ווערען איצט אויך אנגעפירט סטרייקס אין איי־ניגע „אנדערוועאר" שעפער. עס איז אויך לעצטענס גערופען געווארען א סטרייק אין „א באטה־ראב שאפ".

ברודער פיליפ האנצשעל האט זיך טיכטיג אפגעגעבען צו דיזער ארבייט. א מיטינג פון קאטערס פון דיזער אפ־טיילונג איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 16טען אויגוסט.

קלאָוק סטרייקער אויפ־מערקזאַם!

ברודער קאפלאן, דער טשערמאן פון דער ארגאניזיישאן־קאמיטע, בעט אונז בא־קאנט צו מאכען אין נאמען פון דער גע־נעראל־סטרייק־קאמיטע, דאס די סטרייקער, וועמענס פירמען עס גיבען ארויין אפליקיי־שאנס פאר א סעטלמענט, זאלען ניט ארומ־לויפען וועמען עס איז אונטעריאגען, וואס גיכער צו מאכען א סעטלמענט.

ברודער קאפלאן ערקלערט, דאס קיינע סעטלמענטס וועלען ניט געמאכט ווערען אין אייליגקייט. די ארגאניזיישאן־קאמיטע וועט אפריהער גוט אונטערזוכען יעדע פירמע, און עס וועט ניט העלפען די אר־בייטער, וואס טוען אונטערצויאגען אין דער ארבייט. זאלען די סטרייקערס עס נעהמען אין אכט און אויפהערען לויפען צו דער סעטלמענט־קאמיטע איהר אונ־טערצוטרייבען.

די פּיקעט קאָמיטע ביי דער ארבייט

פון דזש. גארעצקי, טשערמאן.

די קלאוקמאכער יוניאן מיט איהר מעמבערשיפ איז כסדר געווען פאררעכענט פאר די קעמפענדסטע עלעמענטען, כסדר געפאדערט דאס רעכט צו האבען די פאר־זיכערונג פון זייערע באלעבאטים צו מא־כען א לעבען פאר זיך און זייערע פאמי־ליעס. דאך הערשט אין זייערע רייען נויט און ליידען, הונדערטער ווערען קראנק און גרוי פאר דער צייט. די זארג, די נויט און ליידען איז ניט צו באשרייבען. איך וויים, אפטמאל זייענדיג אין אפיס אלס מענעדזשער פון לאקאל 35, פלעגט מיר אפט די הארץ צוריסען ווערען אין שטי־קער. אפטמאל פלעג איך פרעגען ביי זיך אליין: ווארום זאלען די ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דעם רייכ־סטען טרייד אין די איסטערן סטייטס, וואו די באלעבאטים מאכען מיליאנען פראפיטען, וואו אייניגע פון זיי זיינען געווארען בוכשטעבליך מאגנאטען, וואס טוען ביזנעס אויף צעהנדליגע מיליאנען דאלאר, זיין אזוי ארים? דער כאאס אין טרייד איז דערגאנגען צו דער העכ־סטער שטופע, וואו טויזענטער ארבייטער אין קלאוק טרייד מאטערען זיך.

די קלאוקמאכער האבען דעם סטרייק ערקלערט אום צו קריגען די פארזיכערונג צו מאכען א לעבען אין טרייד. די פאדע־רונג פון 36 וואכען גאראנטי דורכ'ן יאהר. דער הויפט קאמף איז אנגעווענדעט געגען די ווירקליכע באלעבאטים פון טרייד, גע־גען די דזשאבערס און אינסייד מאנופעק־טשורערס, געגען די מאגנאטען פון דער אינדוסטריע. און די 40 שטונדיגע אר־בייטס וואך, וואס איז אזוי נויטיג, כדי די ארבייטסלאזע ארמיי זאל פארקלע־נערט ווערען. וויינציגער 4 שעה ארבייט אין טרייד דורך דער וואך מיינט מעהר ארבייט פאר ארבייטסלאזע. עס איז דא טויזענט און איין אורזאכען פאר דער פא־דערונג און דאס זעלבע מיט די אנדערע פאדערונגען.

וואס איז און וואס דארף זיין דער רו־קען־ביין פון דעם קאמף, ווי אין יעדען אר־בייטער־קאמף צו געווינען די פאדערונגען?

דער ענטפער מוז זיין ניט קיין אנדע־רער ווי די גאנץ גרויסע ארמיי — די קלאוקמאכער, מיט דער אקטיוויטעט און ענערגישער ענטוזיאזם פון דער גאנצער ארמיי קלאוקמאכער, די סטרייקענדע, קעמפענדע ארמעע קלאוקמאכער, די טוי־זענטער סטרייקער.

אין דער זעלבער צייט אבער ווערט נאר א סך ארבייט געטאן פון דער פיקעט־קאמיטע אלס א טייל פון דעם גאנצען גרויסען אפאראט פון דער דזשענעראל־סטרייק־קאמיטע.

די פיקעט קאמיטע איז די יעניגע צו ארגאניזירען דעם טרייד, אפצושטעלען יעדען שאפ און שאפּקע, וואו קלאוק־גארמענטס ווערען געמאכט. אפטמאל ווערען די לעבענס פון איהרע מעמבערס געשטעלט אין געפאר. און די קאמיטע מוז האבען מוטיגע, ענטוזיאסטישע מענשען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען מיט זייער לעבען און נשמה פאר דער ארבייטער־זאך; מענשען, וועלכע זיינען קעמפענדע נאטורען; מענשען, וועלכע זיינען איבער־געגעבען צו דער יוניאן און זיינען גרייט צו טאן אלץ פאר'ן קאמף.

אזעלכע עלעמענטען זיינען די יעניגע צו זיין אין דער קאמיטע. איהר מוזט וויסען, אין צייט פון קאמף, אין צייט פון סטרייק איז פון אונטער דער ערד קומען ארויס נידעריגע ברואים, סקעבישע נשמות. זיי קומען צושטערען דעם קאמף. אלע גארילעס וואס זיינען גרייט פאר א דאלאר זיך פארקויפען צו יעדען וואס צאהלט פאר זייער בייזער ארבייט. די באלעבאטים באנוצען זיך מיט די אלע גא־רילעס צו באשיצען זייערע סקעבישע ברואים.

אונזערע קאמיטעס קומט אוים אפט צו באגעגענען די אלע נידערטרעכטיגע נפשות, די אלע גנבים, אזוי, אז דא איז שוין ניט קיין פראגע פון אפעלירען, נאר קעמפען און מוטיג קעמפען.

פאר פילע איז דאס געווען א טרוים, אום צו אנטוויקלען אונזערע אייגענע כחות צו טאן די ארבייט אזוי וואונדער־באר. איצט איז דער טרוים פארווירק־ליכט געווארען. די דזשענעראל פיקעט קאמיטע האט אונז און זיך איבערגעטרא־פען. די פיקעט קאמיטע, אלס מעמ־בערס פון דער יוניאן, אלס ארבייטער פון די שעפער, טוט די ארבייט אויסגעצייכנעט, נעמט אוועק איין פעסטונג נאך דער צווייטער פון דעם שונא'ס לאגער. אלע פלענער פון די באלעבאטים זיך אויסצודרייען, ניט זיין פאראנטווארטליך פאר די קאנדיציעס אין טרייד, ווערט צורונען דורך די גוטע ארבייט פון דער דזשענעראל פיקעט קאמיטע.

די קלאוקמאכער געדענקען נאך זעהר גוט דעם הפסק פאר 1910, איידער די יוניאן איז געווארען שטארק, פאר דעם ערשטען היסטארישען קאמף, ווי די שיי־נע יהודים, די באלעבאטים, האבען בוכ־שטעבליך פארמאטערט זייערע ארבייטער די קלאוקמאכער, מיט די לאנגע שטונדען פון ארבייט, זיי פארהונגערט צום טויט מיט זייערע קלעגלאכע ווייזדזשעס, און פילע זיינען נאך קראנק ביז היינט צו טאג פון דער שווערער ארבייט און הונ־גער־לוין פון יענער צייט.

אונזער ענטפער מוז זיין צו די דזשא־בערס און אינסייד מאנופעקטשורערס; אונזער אויסגעשריי מוז זיין צו זיי — ווארפט אוועק אייערע נארישע שטיק אונז ־רופען צוריק אין אייערע שע־פער! זייט ניט אזוי אונזערע פריינד. אויב איהר ווילט אונז האבען צוריק אין אייערע שעפער, וועט איהר דארפען רעדען קלארע דבורים מיט אונ־זערע פארשטעהער, וועגען אונזערע גע־רעכטע פאדערונגען. אויב איהר מיינט ווירקליך וואס איהר שרייבט אונז, פאר־זיכערען צו מאכען א לעבען אין טרייד, איז עס דאך דאס, וואס מיר האבען אווי־טאריזירט אונזערע פארשטעהער צו פא־דערען. ווארום זשע ניט רעדען קלארע ווערטער מיט אונזערע פארשטעהער?

די דזשענעראל פיקעט־קאמיטע איז און זיין ביי דער ארבייט און צוזאמען מיט אייך, ברידער און שוועסטער, מעמבערס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן, וועלען מיר מיט א נייעם ענטוזיאזם און ענערגיע דערפיה־רען דעם קאמף צו א זיג אזוי, אז א נייע בלאט וועט געשריבען ווערען אין דער היסטאריע פון דער ארבייטער באוועגונג, און גאר אין גיכען וועלען מיר פייערען דעם זיג פון דעם דזשענעראל סטרייק. און דער סטרייק פון 1926 וועט זיין אויף דעם זעלבען מאסשטאב ווי פון 1910, און מיר וועלען איין מאל פאר אלע מאל פאר־זיכערען פאר אונז און אונזערע פאמיליעס צו מאכען א לעבען אין טרייד.

אין דער באָנאַז עמבראָי־דערי יוניאָן, לאָקאַל 66

די באנאז עמברוידערי יוניאן האט די לעצטע וואך אנגעהויבען ארגאניזירען די אפען שעפער. די לעצטע צייט לעבען די באנאז עמברוידערערס דורך א זעהר קריטישע צייט. שוין זייט א 3-4 מאנא־טען ווי די ארבייטער פון אונזער פאך דרייען זיך ארום אהן ארבייט, און דער־צו איז אנגעקומען דער קלאוק סטרייק, וואס מאכט נאך שווערער די לאגע, ווייל די יוניאן שעפער ווערען ניט ערלויבט צו ארבייטען אויף די סקעבישע קלאוק אר־בייט. חברה האבען אין דעם געזעהן א פעטן ביין, און שאפּקעס האבען אנגע־הויבען וואקסען ווי שוועמלאך נאך א רעגען. דערצו זיינען פאראן אלטע איינ־געווארצעלטע סקעב נעסטען, וואס הא־בען אנגעפיהרט מיט דער יוניאן א בי־טערען קאמף. די יוניאן שעפער־באסעס האבען אנגעהויבען רעדען וועגען די אפען שעפער מיט קנאה און אויך פרו־בירט, צוליב דער טרויעריגער לאגע אין פאך, צו רעארגאניזירען זייערע שעפער: אוועקשיקען ארבייטער, שניידען געהאלט און נאך אזעלכע פאר זיי קלייניגקייטען. די אדמיניסטראציע האט זיך דעריבער א נעהם געטאן צו דער ארבייט, כדי צו לעזען די טרויעריגע לאגע, אז די ארבייט זאל ניט קענען געמאכט ווערען אין אפען שעפער, וואו ארבייטער ארבייטען פאר 25-30 דאלאר א וואך, אין דער צייט ווען יוניאן ארבייטער קריגען אפילו ביז 75 דאלאר. די רעזולטאטען זיינען גלענצענדע און אין 10 טעג האבען געסעטעלט צעהן שעפער, וואו אלע ארבייטער האבען גע־קראגען א העכערונג אויף זייער געהאלט. די באסעס האבען אויך געמוזט געבען סעקיוריטי. צווישען די געסעטעלטע שע־פער געפינען זיך עטליכע פון די גרעסטע סקעב־נעסטען, וואס האבען פאר זעקס יאהר צייט געפיהרט מלחמה מיט דער יו־ניאן, אויסנוצענדיג אלע מיטלען. זעהענ־דיג אבער, אז די אדמיניסטראציע מיינט ביזנעס און איז ענטשלאסען פאר א קאמף האבען זיי זיך אונטערגעגעבען.

אט זיינען א פאר פון די שעפער:

די וו. ג. עמברוידערי פון 24טע סט.

די פרענצים עמברוידערי, 39טע סטריט, און נאך אזעלכע שעפער.

די יוניאן איז איצט, ניט קוקענדיג אויפ'ן שלעכטען סיזאן, ענטשלאסען צו ארגאניזירען די אפען שעפער, וואס זיי־נען א מכה אויפ'ן ארגאניזירטען ארביי־טער'ס קערפער.

ד זש א ר ד זש ט ר י ס ט מ א ן,
מענעדזשער פון לאקאל 66, א.ל.ג.וו.י.

נעהמט וואו אלע געהען.

איהר קאנט נישט געפינען א בעסערען פלאץ צו פארברענגען אייער וואקיישאן ווי אין אייער יוניטי הויז, אויף די „בלוּע" בערג פון פענסילווייניא.

אויפן וועג צו דערגרייכען נייע האפענונגען

1.

דערצעהלט זיך אזא און אזא גע־שיכטע:

מ'האט געבויט א באהן אין א געגענד, די ערשטע אייזענבאהן, האט מען צולייגט טרעקס, באשלאגען רעלסען, און ארויפ־געשטעלט א לאקאמאטיוו. איז געשטא־נען דערביי א פארמער, געקוקט און גע־שמייכעלט, באטאפט דעם לאקאמאטיוו און ווידער געשמייכעלט, און שמייכלענ־דיג א זאג געטאן:

— עס וועט ניט געהן...
— עס קען ניט געהן...
— ווער וועט עס שלעפען?...
— ווער וועט עס שטופען?...
— אזא גרויס...
— אזוי שווער...
— ס'וועט ניט געהן!...

די באהן איז אבער אוועק. דער לאקאמאטיוו האט זיך גענומען ריהרען, און אוועק, אוועק. האט דער פארמער ברייט צועפענט זיינע אויגען, אומבאהאל־פען אין זיין נאאיוויטעט א הויב געטאן מיט די פלייצעס, א מאך געטאן מיט דער האנט, און אין שטילען וואונדער גע־מורמעלט:

— עס וועט שוין ניט סטאפען...
— ווער וועט עס קענען סטאפען?...
— עס וועט שוין קיינמאל ניט סטאפען!...

איך בין זיך מודה, איך בין געוועזן אין דער ראלע פון'ם נאאיוועו פארמער, ווען איך האב דא און דארט געלעזען איבער דער גרינדונג פון דער „יוניאן לייבאר לאיף אינשורענס קאמפאני", די נייע גרויסע אינסטיטוציע, וואס בויט זיך איצט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, און פון וועלכער די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" וויסען שוין גע־וויס. עפעס האב איך געפיהלט, אז מען געהט זיך דא פארנעמען מיט א צו־שווע־רען ענין. עס וועט זיין אונמעגליך אזא „קאמפאני" אויפצושטעלען. דאס מיינט דאך אוועקצונעמען פון אלע פריוואטע אינשורענס קאמפאניס זייער ריזיגען פעלד, דעם גרויסען מאסען־מארקעט. דאס מיינט דאך אונטערשלאגען די מאכט פון ריזיגע מיליאנען־אינטערעסען. דאס מיינט דאך אויך א שריט צוניפצוזאמלען אונ־טער'ן דאך פון דער ארבייטער באווע־גונג ניט נאר דעם ארבייטער'ס שטרע־בונגען, וואס איז שייך די פאבריק, נאר אויך וואס איז שייך זיין היים. און ביי דעם איז שוין דא א גאנץ אנדער קרעפ־טען־שפיל, א גאנץ אנדער אינטערעסען־געוועב. דא איז שוין ניט א פראגע פון וועקען ביי די ארבייטער טריי־הייט צו דער ארבייטער באוועגונג, נאר אויך פון זיין „יומען נעטשור". און מענשען זיי־נען דאך בכלל קאנסערוואטיוו. מ'וועט ניט וועלען אפטרעטען פון'ם אלטען אינ־שורענס־וועג. אויב אינשורענס, וועט מען געהן צו די אלטע אינשורענס־קאמ־פאניס. און מענשען זיינען בכלל צווייפלער. ספעציעל, ווען עס קומט צו געלד־אינוועסטען. אייגענע געטרויט מען ניט. פרעמדע, גרויס־אדווערטייזטע פירמעס — צו זיי ציהט מען זיך. אלזא,

וועגען דער גרויסער אינשורענס געזעלשאפט, וואס די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג בויט איצט — א געשפרעך מיט'ן פיהרער מעטיו וואל.

פון ה. לאנג.

„עס וועט ניט געהן", האב איך גע־קלערט...

„ווער וועט עס שלעפען?..."
„ווער וועט עס שטופען?..."
„אזא גרויסע זאך!..."

בין איך אבער אוועק צו מעטיו וואל, פרעזידענט פון די פאטא־ענגרייווערס, וויס־פרעזידענט פון דער אמעריקאן פע־דערײשאן אוו לייבאר, און פרעזידענט פון דער „יוניאן לייבאר לאיף אינשור־רענס קאמפאני", און—„עס געהט יא"...

איך האב געזעהן ווי אזוי „עס געהט".

בין איך איצט ווי יענער פארמער אין א שטילער פארוואונדערונג —

עס געהט דאך טאקע... וועט עס שוין געהן און געהן... עס וועט שוין קיינמאל ניט סטאפען!...

מעטיו וואל קען דעם גרעסטען צוויי־פלער איבערצייגען. ער רעדט מיט פאק־טען. ער רעדט מיט ציפער. ער נעמט פאנאנדער די גאנצע מאשינערי, און הויפטזעכליך — אלע פראגען, וועלכע א צווייפלער קען זיך ביי דעם שטעלען, האט ער זיך אויך געשטעלט, און ער האט אויף זיי אן ענטפער.

מיר דוכט, אז ניט אויף א געוועהנ־ליכען שטייגער איז מעטיו וואל ערוויילט געווארען צו זיין דער אנפיהרער פון דיזער נייער אינסטיטוציע אין דער אמע־ריקאנער ארבייטער באוועגונג. איך שטעל זיך פאר, אז ווען עס איז געוועזן דער קאנפערענץ, ביי וועלכען די „יוניאן לייבאר לאיף אינשורענס קאמפאני" איז ארגאניזירט געווארען, איז אהן נאמינא־ציעס גלייך ארויף אויף אלעמענס ליפען —

„מעטיו וואל וועט זיין דער מייסטער דערפון".

שרייבט איהם טאקע וויליאם גרין, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פע־דערײשאן אוו לייבאר, אין א בריף, דא־טירט מארטש דעם 25טען, אז ער האט נאר קאמפלימענטען פאר איהם מיט זיינע נאהענטע געהילפס־חברים, ווארים, אין דעם אויפבוי פון דער קאמפאני איז שוין אריינגעטאן א זעלטענע זארגפעל־טיגקייט, א וואונדערליך־גענויע אויסגע־רעכענטקייט, דורכאויס קלוגער אורטייל, א ברייטע אומפאסונג, א מערקווירדיגע ווייט־זעהענדיגקייט.

און גרין'ס הסכמה איז דא ספעציעל וויכטיג. אויסער וואס עס רעדט פון איהם ארויס די אויטאריטעט — פרע־זידענט פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, האט גרין שטודירט אינשור־רענס פראגען אין פארבינדונג מיט אר־בייטער קאמפענסײשאן געזעצען, קען ער זיך, אלזא, גוט פאנאנדערקלייבען אין אינשורענס ענינים. און דא וויל איך באריהרען א פונקט, וואס איז זעהר וויכטיג צו געדענקען ביים אנאליזירען די נייע, די אינשורענס־אינסטיטוציע, וואס ווערט איצט פון דער ארבייטער באוועגונג געבויט.

„אינשורענס", זיך פארזיכערען מיט די לעבענס־נויטווענדיגקייטען אויך אין „שווארצע טעג", אין די טעג פון עלטער און ארבייטס־אונפעהיגקייט, אין צייטען פון קראנקהייט און ארבייטסלאזיגקייט; אויך אויף נאכ'ן טויט, אז די פאמיליע זאל זיין מיט עפעס באזארגט, ווען דער ברויט־געבער געהט אין קבר אוועק — דאס איז א פראבלעם אין'ם טראכטען פון יעטווידער ארבייטער־פאמיליע, מיט גרעסערע אדער קלענערע פארדינסטען. אינשורענס אויף אלערליי שטייגערען, אינשורענס אין אלע פארמען, איז דער־פאר אימער אויך געווען א פראבלעם אין דער ארבייטער באוועגונג. די געשיכטע פון גאר א סך טרייד־יוניאנס אין אמע־ריקא הויבט זיך אן פון נעגענזייטיגע הילפס־גרופען, אדער בענעפיט־סאסייע־טיס, פון עטליכע ארבייטער אין א שאפ, אדער א טרייד. כמעט יעדע יוניאן, איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, האט אין פארלויף פון איהר געשיכטע אויך פרובירט איינשטעלען אן ארבייטס־זאמע אינשורענס מאשינערי, לויט איה־רע באזונדערע און גאנץ אייגענארטיגע אומשטענדען. אין דערזעלבער צייט האט די ארבייטער באוועגונג דורך יעדען טייל איהרען, און מיט אלע פיבערן פון טע־טיגקייט, אימער און שטענדיג געקעמפט פאר זיכערונגס־געזעצע פאר ארבייטער אין די באזונדערע שטאאטען. אלערליי „קאמפענסײשאן־לאאס", און אויך „אלד־איידזש פענסיעס", און אויך „אנעמפלאי־מענט אינשורענס" — וואו און ווען עס איז נאר מעגליך געווען, איז די ארביי־טער באוועגונג געווען מיט איהר ווארט און איהר פאהן. די אונזיכערהייט פון מארגענדיגען טאג, וואס דאס איז דער שרעקענדסטער געשפענסט, ארויסגערוקט פון דער איצטיגער ווירטשאפט־סיסטעם, האט אימער געצווינגען די ארבייטער בא־וועגונג אין א קאמף, און די ארבייטער באוועגונג איז נגאנגען. די ארבייטער באוועגונג האט זיך מיט'ן געשפענסט געשלאגען מיט וואפען צוגעשטעלט פון אמעריקאנישען לעבען. זי האט פון דעם ניט געמאכט בלויז א שטאאטס־פראגע, ווי דער פאל איז אין מאנכע אייראפע־אישע לענדער, וואו דער שטאאט, און נאר דער שטאאט, ווערט גערופען צו זיין דער אינשורענס־פארזארגער. וואו עס איז נויטיג געווען, אז דער שטאאט זאל זיין אן „אינשורענס־איידזשענסי", איז די ארבייטער באוועגונג ניט געווען וואר־קעלדיג צו פאדערן, אז דער באטרעפענדער סטייט זאל ווירקליך אריינגעמען אין זיך אזא פונקציע. די „קאמפענסײשאן־לאוס", וואס זיינען דאך אויך א סארט אינשורענס, די „קאמפענסײשאן־לאאס" אין גאר א סך סטייטס, זיינען שלאגענ־דיגע באווייזע, זיינען גוטע עדות פאר דעם. מיט'ן שטאאט איז מען אבער ניט אפגעקומען. די ארבייטער באווע־גונג אין אמעריקא געהט נאך יעדען קנייטש, יעדען בויג, און יעדע ווענדונג פון דער אמעריקאנער אינדוסטריע. און פונקט אזוי ווי אין דער אמעריקאנער אינדוסטריע, און אין אמעריקאנישען לע־בען אין אלגעמיין, קומט פאר א שטענ־דיגער פראצעס פון פארפאלקאמען־זיך, פון דערגרייכען מעהר, און אנשלאגען ווייטער, צי מיט דער הילף פון פאלי־טישען שטאאט, צי אהן שטאאט, אזוי קומט אויך פאר אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג א שטענדיגער שא־פונגס־פראצעס פון וואס מעהרער ווער־טען, וואס מעהרער אייגענע אינסטיטו־ציעס, צי דער שטאאט העלפט מיט, אדער ניט. האלטען די ארבייטער וואס מעהרער און וואס בעסער באשיצט, פלאסטערן שטענדיג א וועג, אז די אר־בייטער זאלען דורך איהם אלע מאל דערגרייכען דעם כסדר'דיגען אויפ־שוואונג פון אמעריקאנער לעבען, און אזוי זיין א שטארקע געזעלשאפטליכע, ווי אן עקאנאמישע קראפט — דאס פיהרט די ארבייטער באוועגונג צו יעדער סארט אונטערנעהמונג, ווי געוואגט מען זאל ניט דארפען זיין. אזוי איז געקו־מען דער אויסשפרייט און פארצווייגונג פון ארבייטער־באנקען; אזוי איצט די נייע אינשורענס־געזעלשאפט, גרויס אין פארנעהם, און ווייט־געהענד מיט איהרע צילען.

מעטיו וואל רעדט וועגען דער „יוניאן לייבאר לאיף אינשורענס קאמפאני" מיט א פארכאפטען אטעם; און מיט א פארכאפטען אטעם זיצט קענען איהם אויך זיין צוהערער...

איך בין געגאנגען שמועסען מיט מעטיו וואל, אויפ'ן פארלאנג פון פרע־זידענט זיגמאן, וועלכער איז א מיטגליד אין דעם באארד אף דירעקטארס פון דער גרויסער אינשורענס אונטערנעמונג.

„מעטיו וואל האט די גאנצע זאך אויף זיינע פינגער", האט מיר פרעזידענט זיגמאן געזאגט, און איך האב זיך עס געקענט פארשטעלען. מעטיו וואל איז מיר ניט קיין נייער מענש. איך קען זיין באציהונג צו זאכען אין דער ארביי־טער־באוועגונג, און זיין בליק אויף פראגען אין אלגעמיין. איך קען זיין ארט ריידען און זיין ריהרעוודיגקייט, זיין הינ־רייסונג און זיין פאטהאס, וואס אין דעם איז דא דער האסטיגער שפיל פון די טונקעלע בלוטען אין זיין באוועגליכען פנים און יונג־קירעוודיגע געשטאלט. עס איז מיר אויך גוט באקאנט דער כאראק־טער־שטריך פון אמעריקאנער ארבייטער פיהרער צו האלטען א נייע אונטערנע־מונג מיט דער גרעסטער צערטליכקייט, וואס ער פארמאגט. שוואכע זייטען קיינמאל ניט ארויסשטעלען; אויף שווע־ריגקייטען א מאך טאן מיט דער האנט; דאס איז אן אייגענשאפט ביי אמעריקא־נער ארבייטע פיהרער. עס זיינען פאר דעם דא ערקלעהרונגען. איין ערקלערונג איז געוויס, אז דאס נעהמט זיך פון דעם, וואס די ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא מוז ביי יעדען טראט טאפען אונטער זיך די ערד, און זעהן ווער עס לויערט אויף איהר אין דעם נענענווער־טיגען מאמענט. ווערט דאך די ארביי־טער באוועגונג אזוי אפט מיסרעפרעזענ־טירט, און איז דאך איהר גאנג אימער בארג־ארויף, בארג־ארויף, און אויף אזא ריזיגען בארג ווי די אמעריקאנער אינ־

(שלוס אויף זייט 11)

אויף א מיטינג פון שאפ טשערלייט

(מיינע שווערינקייטען אריינצוקומען)

פון אב. קארלין

שווער, זעהר שווער איז מיר אנגעקו־מען אריינצוקומען אויף דעם שאפ־טשער־מאן־מיטינג אין וועבסטער האל.

קיין זאך האט ניט געהאלפען, ניט דער בעטען, ניט דער אפעלירען — א שאפ־טשערמאן־קארט איז די איינציגע ער־לויבעניש. ביי די, וואס שטעהען ביי דע־ טיר, האט ניט געהאלפען אפילו, ווען איך האב געזאגט, אז איך שרייב פאר דער „גערעכטיגקייט". זיי האבען מיר ניט גע־גלויבט, און וואס צו צייגען האב איך ניט.

דער טאג איז געווען פון די הייסטע טעג דעם זומער. די לופט איז געווען פייכט, קלעפיק און שטיקענד.

פון 1 ביז 3 אזייגער אין מיטען טאג בין איך געשטאנען ביי דער טיר, אפשר וועל איך קריגען א באקאנטען, אפשר וועט אימיצער פאר מיר א גוט ווארט זא־גען... אבער אהן ערפאלג. די טיר־הי־טער, ארום 5 אין צאהל, מיטגלידער פון מיין אייגענער יוניאן, האבען מיך בשום אופן ניט געוואלט אריינלאזען אהן א שאפ־טשערמאן־קארד.

— מיר האבען אן „ארדער" קיינעם חוץ שאפ־טשערלייט, ניט אריינצולאזען.

— האבען די היטער געענטפערט ברו־דער ווייס'ען, דעם האל־טשערמאן פון וועבסטער האל, אויף זיין פארלאנג, מען זאל מיך צולאזען צום מיטינג.

אייזערנע דיסציפלין! אן „ארדער" איז אן ארדער. מיט גוואלד וועל איך ניט אריינגעהן.

איין זאך האט מיך נאר פארדראסען. ווען איך וואלט נאר געוויזען א רעפאר־טער־קארט פון א קאפיטאליסטישער צייל־טונג, וואלט מען מיך יא אריינגעלאזט...

נאר געה ווייס, אז מיין גאנץ פארמע־גען איז א סטרייק־ און א „פיקעט"־קארט, און נאך פון די „אומבאשעפטיגטע", פון די „יושבים".

אבער אט גיט מיך ברודער ווייס א רוף אפ אן א זייט און גיט מיר א זאג: „זייט אזוי גוט און ברענגט מיר א קרים־טשיז סענדוויטש מיט לעטוס פאר בר. היימאן."

מיר דוכט, אז א הירש אין פעלד וואלט שנעלער ניט געלאפען, ווי איך מיט'ן 10־סענט־שטיק אין האנט נאך דעם סענד־וויטש.

איצט, האב איך געטראכט, בין איך זיכער, אז איך וועל אריינגעהן. דער סענד־וויטש וועט זיך פאר מיר משתדל זיין... אבער אויך דאס מאל האט ניט געהאלפען.

איך לויף זוכען אנדערע באקענטע— אפשר, אפשר וועט מיר דאך געלינגען אויספירען מיין קאפריז און דאך זיין אויף דעם שאפ־טשערמאן־מיטינג.

און דא פלאנט מיך אביסעל דאס גע־וויסען: אפשר איז עס מיין שולד. אין דער צייט פון „פריפערענס" פאר דעם איצטיגען גרויסען קאמף בין איך געשטא־נען פון ווייטען, זיך ניט פארשריבען, זיך ניט געמאלדען, ניט געווען אקטיוו. אבער גאט איז מיין עדות — איך טויג ניט און קען ניט פארנעהמען אזעלכע וויכטיגע, פאראנטווארטליכע פאסטענס.

ס'קען טרעפען, אז אינמיטען פון וויכ־טיגער סטרייק־ארבייט [illegible] איך זיך פאר־טראכטען וועגען א בלום, וואס וועלקט; איבער דער זון, וואס פארגעהט; איבער א שטערן, וואס פאלט... און דאס זאל צו נישט מאכען מיין ארבייט, איבערהויפט סטרייק־ארבייט, וואס פאדערט א גרינג־ליך געמאכטען „דזשאב"...

האב איך זיך איינגעפריימט אונטער פיר ווענט, אמאל אין שטוב, אמאל אין לייברערי, געפרופט אויפשרייבען מיינע געדאנקען, אויסגיסען מיינע געפיהלען...

* * *

— לאזט מיך אריין, — האב איך זיך ווידער געבעטען, — לאזט מיך אריין!— און איך בין אריין.

ענדליך האב איך דערקלערט פאר די טיר־היטער וועלכע זאכען מיינע זיינען לעצטענס געווען געדרוקט אין דער „גע־רעכטיגקייט" — און מען האט מיך אריינ־געלאזען.

בין איך שוין אין האל. אלע זיץ און שטעה־פלעצער פארנומען. ברודער בעריל, דער שאפ־טשערמאן פון מיין געוועזענעם לעצטען שאפ, האט מיר א האלבען שטול אפגעגעבען, זיינען מיר ביידע, פארשוויצ־טע און דערהיצטע, געזעסען אויף איין שטול. אט דאס איז בעריל — מיט אלץ טיילט ער זיך.

עס רעדט ברודער היימאן. ער רעדט פשוט, פארשטענדליך, אז אפילו א קינד קען איהם פארשטעהן. זיין הויכע פיגור וויגט זיך איבער דעם פלאטפארם־טישעל. ער רעדט זאכליך, און ריהרענד איז יעדער ווארט. ער רעדט וועגען קאנקרעטע פרא־גען:

ער בעט מען זאל ניט אריינמישען קיין קלייניגקייטען. אויף דעם — זאגט ער— זיינען דא קאמיטעס. אלעס קאן דארטען לייכט פארענטפערט און אויסגעגליכען ווערען. „דא, — זאגט ער, — מוזען מיר ריידען וועגען דאס אלגעמיינע, דאס גרויסע, וועגען דעם גאנצען „פראנט", ווע־גען דעם פיקעטען, היטען די שעפער, אז אין קיין טייל פון שטאדט, ווי פארוואר־פען ער זאל ניט זיין, זאל קיין נאדעל, קיין שער, קיין אייזען זיך אין ערגעץ ניט בא־וועגען."

די פארזאמלונג איז דורכגעדרונגען מיט באגייסטערונג.

דורך די פענסטער רייסט זיך אריין דער שפיל און דער געזאנג פון די זינגרייכע קלאוקסמאכער פון געסעטעלטע שעפער, וואס געהען שוין צוריק ארבייטען. און די באגייסטערונג ווערט נאך גרעסער, שטאר־קער.

אלע קלייניגקייטען, וואס האבען אפשר פריהער געמאטערט אייניגע שאפ־טשער־לייט, וועגען בענעפיט, וועגען רעליף, ווע־גען הילף פאר אייניגע ליידענדע קלאוק־סטרייקער — פארשווינדען.

און ברודער הייטאן פארענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: „מיר מוזען גע־ווינען דעם סטרייק צו קענען מאכען א שעהנערען און בעסערען לעבען."

אויגוסט, 1926.

GERECHTIGKEIT
A JEWISH LABOR WEEKLY
Published every Friday by the
International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th Street, New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President
ABRAHAM BAROFF, Secretary-Treasurer
L. FINKELSTEIN, Acting Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VIII. No. 34. Friday, August 20, 1926
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Sec. 1103, Act of Oct. 3, 1917, Authorized Jan. 25, 1919.

אַ נייער באָיקאָט

מען קאָן קוים זאָגען, אַז די ניו יאָרקער קלאָוק מאַנופעקטשורערס זיינען געווען אויסקלייבעריש אין די מעטאָדען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך באַנוצט אין די פריהערדיגע צוזאַמענשטויסונגען וואָס זיי האָבען געהאַט מיט דער יוניאָן. זיי האָבען, אַזוי צו זאָגען, קיין מאָל נישט שטאַרק מדקדק געווען אויף די „סטרייק עטיקס“. אין זייער אַנטי־יוניאָן קאַמף האָבען זיי זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון דינגען „שטאַרקע“ צו „באַשיצען“ די שעפּער, כאָטש די שעפּער זייערע ווערען גענוג געשיצט פון דער פּאָליציי. און אַז מען האָט געדאַרפט האָבען „גאַנגסטערס“, צו אַנוואַרפען אַ שרעק אויף די סטרייקער, און צו „געבען קלעפּ“ די פּיקעטס, האָבען זיי עס אויך געטאָן. און זיי זיינען אויך קיינמאָל נישט קאַרג געווען צו פאַרלוימדען די סטרייק פיהרער און אויסטראַכטען אויף זיי פאַרשיידענע זאַכען.

מען מוז אָבער צוגעבען, דאָס היינט, אין דעם איצטיגען סטרייק פון די קלאָוקמאַכער, האָבען די באַלעבאַטים זיך פשוט איבערגעטראָפען. זיי האָבען געבראַכען אַלע רעקאָרדס פון דער טאַקטיק אין דער צייט פון אַ סטרייק, פון דער „סטרייק־עטיק“. אחוץ דעם וואָס זיי פאַרפעהלען נישט זיך צו באַנוצען מיט די אַלע מיאוסע שטיק וואָס זיי האָבען אין זייער „סטראַטעגיק“, אין קאַמף מיט דער יוניאָן, האָבען זיי נאָך „ערפונדען“ נייע שטיק, נייע פאַרלוימדונגען אויף די סטרייק־פיהרער און נייע בלבולים אויף אַלעמען וואָס איז ניט מיט זיי אין דעם סטרייק. ניט נאָר פאַלען זיי אָן אויף די סטרייק־פיהרער און די סטרייקער, זאָגדערן אויך אויף יעדער גרופּע און יעדען איינציגען אין דער אינדוסטריע, וואָס הייסען נישט גוט זייער בלינדער פּאָליסי אין דער פאַרביסענער שטעלונג וואָס זיי האָבען גענומען צו די פאָדערונגען פון די אַרבייטער. זיי וואַרפען באַשולדיגונגען אויף אַלעמען, וואָס זיינען ווילינג נאָכצוגעבען די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן, איינצושטעלען אין דער קלאָוק אינדוסטריע די נויטיגע רעפאָרמען, כדי אויסצושטעלען די אינדוסטריע אויף אַ געזונטען באַזיס.

* * *

באַזונדערס האָבען מיר אין זינען, וואָס דער „אינדוסטריעל קאָונסיל“ האָט לעצטע וואָך זיך גע־ווענדעט צו די באַנקירען און געלד־לייער פון ניו יאָרק, דאָס זיי זאָלען אונטערשניידען דעם קרעדיט וואָס זיי גיבען צו יענע קלאָוק מאַנופעקטשורערס, וואָס סעט־לען מיט דער יוניאָן אונטער'ן נייעם אַגרימענט.

אונזערע לעזער ווייסען אודאי, דאָס פון סאַמע אָנפאַנג פון דעם סטרייק, האָבען די זעלביגע „אינ־סייד“ מאַנופעקטשורערס זיך געלאָזען פיהרען ביי דעם נאָז פון אייניגע פערזאָנען, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטען אַ קאַמפּיין פון פאַר־לוימדונגען געגען די סטרייקערס און זייערע פיהרער. די דאָזיגע לייטע האָבען גענומען אויף זיך די נאָבעלע אויפגאַבע פון זיין סטרייק־ברעכער און טאָג איין טאָג אויס האָבען זיי זיך פאַרנומען צו פאַר־שפּרייטען דעמאָראַליזאַציע צווישען די סטרייקער. זיי האָבען זיך פאַרנומען פאַרשפּרייטען צווישען די סטריי־קער אַן אומצוטרויען צו די פיהרער פון סטרייק, כדי צו צושפּליטערען די רייהען פון די קלאָוקמאַכער.

באַלד פון אָנפאַנג סטרייק האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז דער סטרייק איז גערופען געוואָ־רען „צוליב פּאָליטישע צוועקען“, און ער איז „ארויפ־געצוואונגען“ געוואָרען אויף די אַרבייטער. דאָס האָט אָנגעהאַלטען אַרום צוויי וואָכען צייט, און נאָכדעם האָבען זיי ערקלערט, דאָס צוליב דעם סטרייק וועלען זיי „אריבערטראָגען“ דעם גאַנצען קלאָוק מאַרקעט ער־גענץ אין דער קאַונטרי, ערגעץ אין אַ דאָרף, וואו זיי וועלען קאָנען „לעבען אין פרידען“ לויט דעם אידעאַל פון די פאַרביסענסטע אַנטי־יוניאָן מאַנופעקטשורערס.

אָבער אַט דער וואונש, אריבערצוטראָגען איבער נאַכט דעם קלאָוק מאַרקעט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל, אויף דער פּראָווינץ, וואו די „יוניאָן אגיטאַ־טאָרס“ זאָלען זיי ניט קאָנען דערגרייכען, האָט לאַנג ניט געהויערט. עס איז שנעל צוקראָכען געוואָרען, טאַ־קע איבער נאַכט. און טאַקע נאָכדעם, מיט אַ צוויי טאָג שפּעטער, האָט דער „אינדוסטריעל קאָונסיל“ ארויסגעשיקט אַ רוף צו די אַרבייטער, זיי זאָלען ווע־רען פאַררעטער! זיי זאָלען זיך אומקערען מיט'ן רו־קען צו דער יוניאָן און קומען אַרבייטען אין זייערע שעפּער אַלס סטרייק ברעכער. אָבער אַט דער רוף, ווי אַלע אַנדערע פון זייערע „סטייטמענטס“, וואָס ווע־רען געדרוקט אַלס גוט־באַצאָהלטע אַדווערטייזמענטס אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, איז געווען אַ קול קורא במדבר. די שעפּער פון די מעמבערס פון דעם „אינדוסטריעל קאָונסיל“ זיינען פאַרבליבען וויסט און לעער, ווי דעם ערשטען טאָג ווען דער סטרייק איז ער־קלערט געוואָרען. די סטרייקער זיינען ניט געוואָרען און וועלען ניט ווערען קיין פאַררעטער צו זיך אַליין! זיי וועלען קעמפען ביז זייערע גערעכטע פאָדערונגען וועלען נאָכגעגעבען ווערען.

* * *

אַט דער דורכפאַל פון די סטראַטעגיקער פון דעם „אינדוסטריעל קאָונסיל“ האָט זיי געוויס געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז דאָס „איינלאַדען“ די אַרבייטער צו קו־מען צוריק אין שאָפּ אָהן אַ סעטעלמענט, איז ניט ווערט אפילו אַ שמעק טאַבאַק. דאָך אָבער זיינען זיי נאָך אַלץ אַנטשלאָסען ווייטער אָנצוגעהן מיט זייער סטרייק־ברעכערישער מיסיע. דאָס מאָל אָבער האָבען זיי גענומען שיסען די פאַרראָסטעטע פיילען אין אַ צווייטען לאַגער. זיי האָבען זיי געריכטעט געגען מעמבערס פון זייער אייגענעם קלאַס, געגען די מאַנו־פעקטשורערס און דזשאָבערס וואָס ווילען זיך ניט שטעלען אויף איין ברעטעל מיט די „סטראַטעגען“ פון „אינדוסטריעל קאָונסיל“ און האָבען אונטערגע־שריבען דעם נייעם אַגרימענט מיט דער יוניאָן, נאָכ־געבענדיג אַלע פאָדערונגען פון די אַרבייטער.

וואָס ערגערט אַט די הערען איז אַט וואָס: אין די לעצטע דריי וואָכען פון דעם סטרייק, האָט די סעטעלמענט קאָמיטע, אַרבייטענדיג האַנט אין האַנט מיט דער אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע, אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט איבער אַ הונדערט פירמען, קלאָוק־מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס. און מען דאַרף זאָגען, אַז ווען די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע מיט דער סעטעלמענט קאָמיטע וואָלטען געוואָלט ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד זיין ביים סעטלען; דאָס ווען זיי וואָל־טען נישט געווען אַזוי שטרענג ביים סעטלען, נאָכזו־כענדיג יעדען אַפּליקיישאָן פון אַ פירמע מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיגקייט, וואָלטען שוין איצט געווען סעטלמענטס מיט אַ סך מעהר פירמען.

און נייע סעטעלמענטס ווערען ווייטער געמאַכט, און צווישען זיי זיינען דאָ גאַנץ באַוואוסטע פירמען אין טרייד, און דאָס שטעכט די פּראָפּאַגאַנדיסטען פון דעם „אינדוסטריעל קאָונסיל“ ווי אַ דאָרן אין אויג.

אין זייערע אַנטי־סטרייק אַדווערטייזמענטס ווייזען זיי כסדר אָן מיט אַ באַזונדער מין פאַרביסענקייט אויף די דאָזיגע סעטעלמענטס, און זיי אַרבייטען, נעבעך, גאַנץ שווער צו מאַכען דעם איינדרוק, דאָס די יוניאָן מאַכט די סעטעלמענטס נאָר מיט קליינע פירמען. זיי פוילען זיך נישט אפילו אָנצואווייזען, דאָס מאַנכע פון יענע פירמען באַשעפטיגען ווייניגער אַרבייטער ווי דאָס האָט געפאָדערט דער אַלטער אַגרי־מענט אין טרייד. דאָס איז אָבער ניט אמת. דאָס ווערט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט פון דער סעטעלמענט קאָמיטע. און טאַקע אַט די פאַלשע ציפערען, וואָס זיי גיבען אָן, זיינען אַ גוטער באַווייז פאַר די סטריי־קערס, וויפיל אמת ס'איז פאַראַן אין אַנדערע פון זייערע „ליבע בריוולאַך“ צו „זייערע“ אַרבייטער, וואָס זיי שיקען ארויס זינט דער סטרייק האָט זיך אָנגעהויבען.

* * *

און דער „אינדוסטריעל קאָונסיל“ זוכט פאַרשי־דענע טריקס, כדי צו הינדערען די סעטעלמענטס וואָס ווערען געמאַכט צווישען דער יוניאָן און די „אינדע־פּענדענט“ פירמען, ווייל זיי ווייסען, אַז באַלד וועלען אויך קומען פירמען פון זייער אַסאָסיאיישאָן. און דער „קאָונסיל“ האָט אויפגעפאָדערט די באַנקען און קאָמישאַן הייזער, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער קלאָוק אינדוסטריע, נאָכצוזעהן, צו זיי קאָנען ווייטער געבען קרעדיט צו די פירמען, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם נייעם אַגרימענט מיט דער יו־ניאָן. גלייכצייטיג האָט דער קאָונסיל שוין אויך צו־געשיקט צו די באַנקירען עפּעס אַ מכלומר'שטיגען „אינטערוויו“ מיט „געוויסע באַנקירען“, וועמעס נע־מען זיי גיבען ניט אָן, אַז יענע זאָלען האָבען געזאָגט, אַז די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, די באַשריינקונג פון די קאָנטראַקטאָרס, אַ גאַראַנטי פאַר 36 וואָכען אַרבייט אַ יאָהר, און אַ 40 שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, איז עפּעס, וואָס איז „אוממעגליך“ אָנצונעמען און נאָכצוקומען. עס זאָל הייסען, אַז יענע אויסגעטראַכטע באַנקירען זאָלען האָבען געזאָגט, אַז דאָס וועט פיהרען די פירמען צו באַנקראָט און רואינע.

* * *

אַט די נייע מאַניעווערע פון דעם „קאָונסיל“, אַט דער נייער סאָרט אַנטי־סטרייק פּראָפּאַגאַנדע, דאָס מאָל מיט דער אַבזיכט אָנצושרעקען אַזוינע מאַנו־פעקטשורערס און דזשאָבערס, וואָס זיינען ווילינג צו סעטלען מיט דער יוניאָן, וועט זיכער ניט האָבען קיין ווירקונג אויף קיינעם, פּונקט ווי די פריהערדיגע סטייטמענטס זייערע האָבען ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף קיינעם. דאָס וועט אויף דאָס מינדעסטע ניט שטערען דעם נאָרמאַלען גאַנג פון סטרייק. עס איז אַבסאָלוט אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען דאָס איר־גענד וועלכע פאַראַנטוואָרטליכע באַנקירען, אָדער קאָ־מישאָן הייזער, וועלען זיך פאַרנעמען צו באָיקאָטירען און פאַרפאָלגען די מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס, וועלכע שרייבען אונטער אַן אַגרימענט מיט אַ יוניאָן!

די באַנקירען און קרעדיט־הייזער פאַרשטעהן געוויס אַ סך בעסער ווי די צוהיצטע קעפּ פון די קריג־פיהרער פון דעם אינדוסטריעל קאָונסיל, דאָס אַזאַ טריט וואָלט געווען זעהר ניט שעהן פון אַ ביזנעס שטאַנדפּונקט. דאָס וואָלט געווען גאַנץ פאַרברעכעריש פון אירגענד וועלכען אינדוסטריעלען אָדער עקאָנאָמי־שען שטאַנדפּונקט.

די באַנקירען און קרעדיט הייזער קאָנען, למשל, לייכט אויסגעפינען, דאָס שוין זייט פילע יאָהרען, האָט אונזער יוניאָן געהאַט אַגרימענטס מיט פילע פירמען אין דער קלאָוק אינדוסטריע, וועלכע האָבען גאַראַנ־טירט זייערע אַרבייטער ניט נאָר 36 וואָכען אַרבייט דורכ'ן יאָהר, זאָנדערן 40 וואָכען, און אין מאַנכע פאַלען נאָך מעהר. און דאָס האָט אפילו אויף אַ האָר ניט געשעדיגט זייער געשעפט. די פירמען זיינען גע־וואַקסען, און עס האָט אויף דאָס מינדעסטע ניט גע־שאַדט זייער קרעדיט. אין דעם גאַנצען קלאָוק־מאַר־קעט פון קליוולאַנד איז איינגעשטעלט אַן אַגרימענט, וואָס גאַראַנטירט די אַרבייטער 40 וואָכען אַרבייט דורכ'ן יאָהר און יענע באַלעבאַטים ליידען דערפון גאָר ניט. די קלאָוק אינדוסטריע דאָרטען אַנטוויקעלט זיך אַלץ מעהר און מאַכט פּראָגרעס.

* * *

די סטרייקערס האָבען זיך שוין צוגעוויינט צו די אַלע סטראַשונקעס, וואָס קומען ארויס רעגעלמע־סיג פון דעם לאַגער פון דעם „אינדוסטריעל קאָונסיל“, און זיי ווייסען גוט וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט. זיי ווייסען אויך, אַז וואָס נעהנטער עס רוקט זיך אונטער דער אמת'ער סיזאָן אין קלאָוק טרייד, אַלץ שאַרפער און פאַרביטערטער וועט ווערען זייער פּראָפּאַגאַנדע.

די סטרייקערס, ווי יעדער אַנדערער פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע, ווילען שלום. זיי ווילען אַ סע־טעלמענט אויף אַ קאָנסטרוקטיווען באַזיס, זיי זאָלען מעהר ניט דאַרפען ליידען פון געוויסע איבלען, פון וועלכע זיי האָבען פריהער געליטען. זיי ווילען אָבער זיך ניט לאָזען פאַרפיהרען אָנצונעהמען אַ „שלום“, וואָס די באַלעבאַטים ווילען אויף זיי ארויפצווינגען מיט געוואַלד, דורך אַ „פּייק־באָיקאָט“. אונזערע סטרייקער קאָנען ניט אָננעהמען קיין שלום, קיין פאַרשטענדיגונג, סיידען אַזאַ וואָס וועט איינשטעלען מעהר זיכערקייט אין דער קלאָוק אינדוסטריע, סיידען אַזאַ וואָס וועט אָננעמען דעם גאַנצען אינדוסטריעלען פּראָגראַם, וואָס די יוניאָן האָט ארויסגעשטעלט.

דאָס געוויין פון די 2 מיליאָן קינדער

אויף אַ צווייטען אָרט אין דער צייטונג, וועלען די לעזער געפינען אַן אַפּיל פון בען טילעט, איינער פון די עלטסטע פיהרער אין דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג, און אַ מעמבער אין ענגלישען פּאַרלאַמענט פון די „בריטיש לייבאָר פּאַרטי“. ער איז געקומען אַהער אַלס פאָרטרעטער פון דעם „בריטיש טרייד יוניאָן קאָנגרעס“, צוזאַמען מיט אַ קאָמיטע פון דער מיינערס פעדעראַציע, אין ענגלאַנד, וואָס איז געשיקט געוואָרען צו קלייבען אַ פאָנד אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען, צו העלפען די פאַמיליען פון די העלדישע סטרייקערס — די ענגלישע קוילען־מיינערס.

מיר קאָנען קוים עפּעס צולייגען צו דער האַרצ־רייסענדער געשיכטע, וואָס בען טילעט דערצעהלט, פון די פילע ליידען, פון דער שרעקליכער נויט וואָס עס הערשט ביי די מיינער סטרייקער פון ענגלאַנד און זייערע פאַמיליען. אַ חוץ די דערוואַקסענע, זיינען דאָרט דאָ אַריבער צוויי מיליאָן קינדער, וואָס זיינען אונטערוואָרפען די גרעסטע נויט, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. און זיי, די הונגעריגע קינדער און פרויען פון די מיינער־סטרייקער, מוזען באַקומען הילף, זייערע עלטערען זאָלען קאָנען פאָרטזעצען דעם קאַמף.

* * *

בען טילעט און די אַנדערע דעלעגאַטען פון דער מיינערס קאָמיסיע, פאָהרען איצט אַרום איבער'ן לאַנד, צו קלייבען אַ גרויסען פאָנד, אַזוי גרויס ווי נאָר מעגליך, צו העלפען די מיינערס, ספּעציעל די קינדער פון די סטרייקער. ווי בען טילעט זאָגט עס אין זיינע אייגענע ווערטער: „מיר מאַכען דעם אַפּיל, דאָס די קינדער, וואָס זיינען ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַט דער געפעהרליכער מלחמה פון פאַרניכטונג, זאָלען מעהר ניט ליידען“.

מיר ווייסען, דאָס איצט איז אַ שווערע צייט פאַר אונזערע מיטגלידער, צו געבען הילף צו אַנדערע אַרבייטער. די קלאָוקמאַכער פון ניו יאָרק, וועלכע רופען זיך שטענדיג וואַרים אָפּ, ווען נאָר מען דאַרף, זיינען איצט אַליין אין סאַמע מיטען פון אַ ביטערען קאַמף געגען זייערע באַלעבאַטים, און מען קאָן דאַריבער ניט ערוואַרטען זיי זאָלען געבען, ווי זיי וואָלטען געגעבען אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען. און די מיטגלידער אונזערע פון די אַנדערע טריידס זיינען איצט נאָך אַ לאַנגען סלעק־סיזאָן.

אָבער דער ענגלישער מיינער־סטרייק, פאַר וועל־כען טילעט אַפּעלירט, איז אַזאַ גרויסע זאַך, איז פון אַזאַ גרויסער וועלט וויכטיגקייט פאַר'ן גאַנצען אַר־בייטער קלאַס אומעטום, דאָס אונטער אַלע אומשטענ־דען מוזען די אַרבייטער מאַכען אַלע אָנשטרענגונגען צו העלפען די בראַווע קעמפער אין ענגלאַנד. דער געשריי קומט מעהרסטענס פון די מיליאָנען פרויען און קינדער פון די ענגלישע סטרייקערס. די קוילען־באַראָנען און זייער אונטערשטיצער — די קאָנסער־וואַטיווע ענגלישע רעגירונג, וואָס איז איצט אין מאַכט — טוען אַלעס וואָס זיי קענען צו ברעכען דעם סטרייק, כדי אונטערצוגראָבען די אַרבייטער באַוועגונג. זיי האָבען שוין לאַנג אויסגעפונען, אַז זיי קע־נען ניט מיט געוואַלד צוריקטרייבען די מיינערס צו דער אַרבייט, ווילען זיי ווי ווייט מעגליך אויסהונגערען זיי, אַז דורכ'ן בייטש פון הונגער זאָלען זיי דאָך געצוואונ־גען ווערען צוריקקומען צו דער זעלבער שקלאַפעריי געגען וועלכער זיי זיינען ארויסגעגאַנגען קעמפען.

לאָמיר זיך אַלע צוזאַמענגעמען, מיר אַלע פון דער זייט ים, צו העלפען די מיינערס אין זייער קאַמף צו באַקעמפען די „סקימס“ פון זייערע באַלעבאַטים! לאָמיר שטאַרקען די האַנט, וועלכע האָט זיך אויפגע־הויבען געגען דער ברוטאַליטעט פון די מיין מאַגנאַטען אין ענגלאַנד. לאָמיר העלפען שפּייזען די צוויי מיליאָן קינדער און די פרויען פון די סטרייקער און מיר זיינען זיכער, אַז די מיינערס אין ענגלאַנד וועלען אין גיכען נעהן זיגרייך צוריק צו דער אַרבייט.

א לעבען ווי א לעגענדע

(נאטיצען פון א זשורנאליסט). פון על עם

די טעג איז ארויס אין א העברעאי-שער איבערזעצונג דאס באקאנטע בוך פון קראפאטקין: „מעמוארען פון א רע-וואלוציאנער". ביי דיזער געלעגענהייט איז מיר אויסגעקומען נאך אמאל איבער-צולעזען דאס דאזיגע מערקווירדיגע בוך.

דאס איז ניט קיין נייע בוך. שוין מעהר ווי דרייסיג יאהר, ווי עס איז ערשינען איין אריגינאל (ווי באקאנט, האט קראפ-אטקין איהם צוערשט געדרוקט אין ענג-ליש). נאר אזוי ווי עס זיינען פאראן אין דער וועלט גליקליכע מענשען, געבענ-טשטע פון גאט, וועלכע ווערען, דוכט זיך, נאר ניט אלט און פארבלייבען דאס גאנ-צע לעבען יונג און פריש, אזוי טרעפען זיך אויך (הגם זעהר זעלטען) ביכער, וועל-כע איהר לייענט אין דרייסיג יאהר ארום נאך זייער ערשיינען און זיי זיינען פאר אייך ווי ניי, ווי ערשט היינט געבוירען.

פאר דעם פעריאד פון דרייסיג יאהר איז די מעמוארען ליטעראטור רייך גע-ווארען מיט פיל ביכער, וועלכע שילדערען דאס רוסישע לעבען אין ניקאלאי דעם ערשטענס צייט מיט פיל מעהר טאלאנט, מיט פיל מעהר קונסט ווי קראפאטקין.

דאך קאן זיך קיין איינער פון די מע-מוארען-ביכער ניט פארגלייכען מיט דער זעלטענער אויטאביאגראפיע פון דעם „פירשט" פעטער קראפאטקין.

דאס איז, דוכט זיך, א רעאלע שיל-דערונג פון א מענשענ'ס לעבען, און דאך לייענט זיך עס ווי א לעגענדע, ווי א מעשה'לע.

דער באקאנטער מעשה'לאך-שרייבער אנדערסאן האט אנגערופען זיין אויטא-ביאגראפיע מיט דעם נאמען: „דאס מעשה'לע פון מיין לעבען".

און אזוי הויבט ער אן די באשריי-בונג:

„מיין לעבען איז א שעהנע מעשה'לע, אזוי רייך און גליקליך. אין דער צייט, וואס איך בין ארויסגעגאנגען אין דער וועלט, אן ארעמער און א עלענדער איי-נגל, ווען עס זאל מיך באגעגענען א מעכ-טיגע פעיע און מיר זאגען: „קלייב זיך אוים דיין לעבענס-וועג און דיין ציל, און דאן וועל איך דיר פיהרען און באשיצען" — וואלט מיין מזל ניט געקענט זיין בע-סער און קליגער. מיין לעבענסגעשיכטע וועט זאגען דער וועלט, וואס זי זאגט מיר: „עס איז פאראן א גוטער גאט, וועלכער פיהרט אלץ צו גוטען".

קראפאטקינ'ס לעבענס-באשרייבונג האט אויך דאס ווערט אנגערופען צו ווע-רען „א שעהנע מעשה'לע", נאר מיט א פארקעהרטען אינהאלט ווי ביי דעם דעני-שען שריפטשטעלער.

אנדערסאן דערצעהלט וועגען אן ארעם איינגעל, א זוהן פון אן עלענדען לאטוטניק, וואס איז דערהויבען געווארען מיט דער קראפט פון זיין טאלאנט צו דער מדרגה פון א וועלט-באריהמטהייט און זוכה גע-ווען צו עסען מיטאג ביי א קעניגליכען טיש.

ביי קראפאטקינ'ען ווערט דערצעהלט פונקט פארקעהרט, ווי אזוי א קינד פון פירשטען, א קרוב למלכות, ערצויגען אין א מיליטערישער סביבה, האט זיך פון דעם אלעס באפרייט און איז געווארען א מענש פון פאלק, אין העכסטען און בעסטען זין פון דעם ווארט.

און מיינט ניט, אז דאס איז אזוי לייכט.

וויסענדיג וויפיל ס'האט איבער זיך גע-ארבייט, ווי לאנג ס'האט מיט זיך גע-קעמפט אנאנדער רוסישער פירשטען-קינד, גראף לעוו ניקאלאיעוויטש טאלס-טאי, אום אויסצוווארצלען פון הארצען די „בארסטווא" פון פיל דורות און דער-געהן אין לעבען און דענקען צו „איינ-פאכקייט" (און איך צווייפעל שטארק, אויב נאך אלעמען האט דאס זיך איהם אין גאנצען איינגעגעבען) — קאנען מיר ערשט רעכט אבשאצען די גייסטיגע קראפט פון קראפאטקינ'ען, וועלכער האט געמאכט די רעוואלוציע אין זיך, אין זיין לעבען, אין זיין דענקען.

אמת, קראפאטקין באהויפטעט, אז דער כאראקטער פון א מענשען בילדעט זיך אויס גאנץ פריה, אין די קינדער-יאהרען, און לויט ווי ער דערצעהלט, האט ער אלס איינגעל געפיהלט די דעמאקרא-טישע געפיהלען, וועלכע האבען זיך שפע-טער נאר אנטוויקעלט. „נאך אלס צוועלף יאהריגער איינגעל — דערצעהלט ער, — פלעג איך זיך אונטערשרייבען איינפאך: פ. קראפאטקין".

נאר מיר וויסען גאנץ גוט, אז פיל, פיל פון די אריסטאקראטישע קינדער הא-בען איינגעלוויז געהאט דעמאקראטישע און אפילו רעוואלוציאנערע נייגונגען, אבער די אלע „קינדערשע זאכען" האבען זיי ניט געשטערט שפעטער, ווען זיי זיי-נען עלטער געווארען, צו זיין דעספאטיש און שלעכט ווי זייערע מיוחס'דיגע טאטעס און זיידעס.

אין די ערשטע קאפיטלען פון די מע-מוארען דערצעהלט קראפאטקין, ווי זיין פאטער האט געהייסען געבען הונדערט שמיץ דעם שטובינגען דינער מאקאר. די קינדער זיינען געווען אויסער זיך. ביים טיש האט קיינער ניט געוואלט נעהמען א ביסען אין מויל: אזוי האט די לייב-שטראף איבער מאקארען די יונגווארג וועה געטאן.

„נאר אט איז אריינגעקומען נאך דער עקזעקוציע מאקאר אליין, א בלאסער, פארשעמטער, מיט א פארביטענעם פנים, מיט אראבגעלאזטע אויגען. טרעהרען ווערגען מיך — דערצעהלט קראפאטקין — נאך מיטאג לויף איך ארויס פון צימער יאג אן מאקארען אין פינסטערען קארי-דאר און וויל איהם קושען די הענד, נאר ער רייסט זיך פון מיר און זאגט האלב מיט פארוואורף, האלב מיט א פראגע: א, לאז צורוה, ווען דו וועסט עלטער ווערען, וועסט אויך ווערען אזעלכער".

דאס איז די מיינונג פון רוסישען ארע-מען פויער, מיט זיין דורות-לאנגער פראק-טיק, וועגען די „הומאנישע" געפיהלען פון די פריצישע קינדער.

נאר קראפאטקין האט געהאלטען ווארט (און נאך ווי!), ווען ער האט גע-זאגט דעם ארעמען מאקאר:

„ניין, ניין, איך וועל אזעלכער ניט זיין!"

און וואס קראפאטקין האט געטאן פאר זיין פאלק, ווי איהם האט ניט געלאזט רוהען די וויסענשאפטליכע ארבייטער (צו וועלכער עס האט איהם געצויגען), וויסענ-דיג, ווי דאס ארעמע רוסישע פאלק קרעכצט אונטער דעם יאך פון דעספאטיזם און טיראני, ווי דער רוהיגער, דער קאב-בינעט מענש האט זיך גענומען צו רעוואָ-לוציאנערע ארבייט — אט דאס אלעס ווערט דערצעהלט אין זיינע מערקווירדיגע מעמוארען, וועלכע זיינען איצט ארויס אין א העברעאישער איבערזעצונג, דורך דער „אלגעמיינער אידישער ארבייטער ארגא-ניזאציע" אין ארץ ישראל.

דאס איז איינער פון די יעניגע בי-כער, וועלכע פארדינען מיט רעכט זייער גוטען נאמען.

„פיל מענשען — זאגט בראנדעס — האבען אויפגעטאן גרויסע זאכען, הגם זייער לעבען האט ניט געהאט קיין גרויס-קייט. קראפאטקינ'ס לעבען איז אי גרויס אי אינטערעסאנט".

דארף איך ברענגען ציטאטען פון דעם אלט-נייעם בוך? די אידישע לעזער זיי-נען געוויס מיט איהם גוט באקאנט.

אין רוסלאנד, דוכט זיך, זיינען איצט קראפאטקינ'ס ביכער אויסגעשלאסען פון די פאלקס-ביבליאטעקען אלס „קאנטר-רע-וואלוציאנערע", נאר אלע, וועמען עס איז טייער די אמת'ע מענשליכע קולטור, מו-זען האלטען הייליג דעם אנדענקען פון דעם גרויסען מענשען, וועלכער האט אזוי געגלויבט אין מענשען.

דער אמעריקאנער געזונדהייט-קאנגרעס

פון פאניא מ. קאהן

דער ערשטער אמעריקאנער געזונד-הייטס קאנגרעס איז אפגעהאלטען גע-ווארען ניט לאנג אין אטלאנטיק סיטי, אונטער דעם אויפזיכט פון דעם „נייי-שאנאל העלטה קאונסיל". זעכצעהן נא-ציאנאלע פאבליק העלטה געזעלשאפטען האבען אייגטייל גענומען אין קאנגרעס. 8000 דעלעגאטען זיינען דארטען געווען פארטראטען. צווישען זיי זיינען געווען די פראמינענטסטע פיהרער פון דער גע-זונדהייטס באוועגונג דא אין לאנד. פילע פארטראגען זיינען געהאלטען גע-ווארען, וועלכע האבען באהאנדעלט די פארשידענע פראגען פון געזונד. די רע-פעראטען זיינען געווען פול מיט אפטי-מיזם, אנווייזענדיג אויף דעם פאקט, אז דער מענשליכער לעבען ווערט פאר-לענגערט און אז די ווירקונג פון פאר-שידענע קראנקהייטען ווערט אפגע-שוואכט. די אורזאכע פון דיזער פריי-לאכער ערשיינונג איז צוגעשריבען גע-ווארען צו דעם פארטשריט פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, די סאני-טארע באדינגונגען און די ערציהערישע טעטיגקייט, וואס ווערט אנגעפיהרט פון פארשידענע ארגאניזאציעס אויף צו בא-שיצען דאס געזונט פון עולם. וועגען דעם זיינען קיין צוויי מיינונגען ניט געווען.

אבער איין וויכטיגען פאקטאר הא-בען זיי דארט פארגעסען צו דערמאנען, און דאס איז די עקאנאמישע באדינ-גונגען און דעם ביטראג, וואס די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג האט צו דעם בייגעשטייערט. מיט קיין איין ווארט איז אויפ'ן קאנגרעס ניט דער-מאנט געווארען פון דעם ביטערען קאמף וואס די אמעריקאנער ארבייטער האבען אנגעפיהרט פאר קורצערע שטונדען, הע-כערע וויידזשעס, בעסערע סאניטארישע באדינגונגען אין די שעפער און פאר בעסערע וואוינונגען. אהן דיזע באדינ-גונגען און אורזאכען וואלט אוממעגליך געווען צו מאכען וועלכען ניט איז פראָ-גרעס אין פארלענגערען דעם מענשלי-כען לעבען און צו פארהיטען זיין גע-זונט.

ס'איז זעהר צום באדויערען, וואס די בעאמטע פון דעם נייישאנאל העלט קאונסיל האבען ניט געפונען פאר נוי-טיג איינצולאדען פארשטעהער פון דער ארבייטער באוועגונג, צו ריידען וועגען דיזער פראגע. אויף וויפיל מיר אנערקע-נען דעם וויכטיגען ביטראג וואס די וויסענשאפט האט געמאכט אויף דעם געביט, און די בילדונגס-קאמפיינס, וואס פארשידענע געזונדהייטס ארגאני-זאציעס פיהרען דורך אויף דיזען גע-ביט, פונדעסטוועגען קען קיינער ניט זיין אזוי נאאיוו צו דענקען, אז מען וואלט עפעס געקענט דערגרייכען אין פארבעסערען דעם געזונט פון דער בא-פעלקערונג, ווען ניט די בעסערע לע-בענס-באדינגונגען, ווען ניט דער העכ-רער סטענדארד פון לעבען פאר דער גרויסער צאהל פון דער באפעלקערונג, וועלכע דארפען ארבייטען אויף א לעבען צו מאכען.

אן אויסשטעלונג איז געהאלטען גע-ווארען אין „סטיל פיער", די העדקווא-רטערס פון קאנגרעס. די פארשידענע סאשעל און קאמיורשעל העלטה ארגא-ניזאציעס האבען געהאט בוטהס, וואו זיי האבען דעמאנסטרירט די קאנסטרוק-טיווע געזעלשאפטליכע ארבייט, וואס איז פון דיזע ארגאניזאציעס געטאן גע-ווארען. די ארבייטער באוועגונג איז דארט אויך געווען פארטראטען דורך א בוטה פון דעם העלטה סענטער פון דער אינטערנעישאנאל. די באמיהונג פון א יוניאן העלטה סענטער צו פארבעסע-רען דעם געזונד פון אונזערע מעמבערס און צו געבען זיי צו פארשטעהן די נויטיגקייט און די מעגליכקייט פון פאר-היטען דעם געזונט, איז דעמאנסטרירט געווארען דורך פארשידענע טשארטס, טאבעלען און פלאקאטען, וואס זיינען דארט אויסגעשטעלט געווארען. מא-סען וויזיטארס האבען ארויסגעוויזען גרויסען אינטערעס אין דער ארבייט פון יוניאן העלטה סענטער, און הא-בען גענומען פילע אינפארמאציאנס-פראגען. דער צוציהענדער פלאקאט, אויף וועלכען עס איז געווען באשריבען דער סאניטארי פראסאנים לייבעל, האט ארויסגערופען פיל אינטערעס ביי די באזוכער פון דער אויסשטעלונג.

א דאנק א ביזנעס אידזשענט פון דער דרעסמאכער יוניאן

ווערטהער הערר רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט":

איך שפרעך אוים א ברידערליכען דאנק צו אונזער ביזנעס אידזשענט, בר. טאבאלסקי, פון בראנזווילער אפיס, פאר זיין געטריער ארבייט, וועלכער האט קאלעקטעט פאר מיר „בעק פעי" 46 דא-לאר, פון די האווארד דרעס קאמפאני.

מען דארף זאגען, דאס עס איז איהם זעהר שווער אנגעקומען, אבער ער האט דאס אדורכגעפיהרט. איך ווינש איהם פיעל גליק אין אלץ וואס ער טוט פאר דער יוניאן און פאר די ברידער.

מיט ברידערליכען גרוס,

א. זאלצמאן, ל. 35, לעדזשער 4471.

מיטגלידער נעמט אין אכט!

קריגט דעם 32-זייטיגען בולעטין, וועל-כער גיט א דעטאלירטע באשרייבונג פון אונזער בילדונגס-טעטיגקייט. מעלדעט זיך פערזענליך אדער שרייבט צו אונזער עדיו-קיישאנעל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

ענטפערס פון רעדאקציע

ש. מעטץ. — „דאס הינדעלע און דער יעגער" איז ניט דרוקבאר. עס איז ניט מעהר ווי שלעכטע גראמען, אחן א זין. עס איז אייער גליק, וואס איהר האט ניט צוגע-שיקט „דאס הינדעלע" צו א רעדאקטאר, וואס איז א וועגעטאריאנער. ווען ער וואלט אי-בערלייענען דעם פערז: „די טאמע קאכט א הינדעלע, א פעטינקע" און אזוי ווייטער, וואלט ער אייך זיכער ערקלערט פאר א „קאנ-ניבאל"... און א ביסעל וואלט ער רעכט גע-האט אויך. גענוג איז, אז איהר באלעקט זיך פון „א הינדעלע, א פעטינקע", דארפט איהר עס נאך „באזינגען" אין די „פייפערס"? ער וואלט אייך אויך קענען באשולדיגען, אז איהר ארבייט אין די אינטערעסען פון דעם „טשיקען-טראסט"...

חנה סילווערמאן. — ווען די גאנצע זאך, וואס איהר רופט אן „ליד", וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, וואלט געווען אויפגעשריבען; אזוי ווי די ערשטע פיר שורות, וואלטען מיר עס געדרוקט, כאטש עס איז ניט קיין פאעזיע. אבער וואס טוט מען, אז מעהר ווי אין די ערשטע פיר שורות קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט? אט זיינען די ערשטע פיר שורות, וואס קענען געדרוקט ווערען:

ברידער קלאוקמאכער!

„מיר האבען גענוג פאר די דזשאבערס
געשאפען
און מיר זעהען ארויס וואס איז
אונזער ליין;
מיר ווילען ניט לענגער פארבלייבען
קיין שקלאפען
צו רייך מאכען די דזשאבערס און
בעטלען אליין!"

אלזא מעהר ווי די פיר שורות קענען ניט פארעפענטליכט ווערען.

פ. ס. ט. — מיר'ן אייך זאגען דעם אמת: אייערע לירישע לידער געפעלען אונז א סך בעסער, ווי די קאמפס-לידער. די לירישע לי-דער זיינען שעהן און פריי אנגעשריבען. די קאמפס-לידער זיינען געמאכטערט. אפשר וואלט איהר זיך אפגעבען איינגאנצען דער ליריק און די קאמפס-לידער געלאזען פאר אנדערע?... יעדענפאלס, דאס ליד „צום קעמפער" וועלען מיר פארעפענטליכען. דאס צווייטע „ראנגעל זיך!" — געפעלט אונז גארניט, און מיר שיקען עס אייך אפ. אפשר וועט עס ביי אין אנדערען געפינען מעהר חן. א דאנק פאר'ן גרוס.

אב. ב—ן. — דאס לעצטע, וואס איהר האט צוגעשיקט, איז גארניט מיט גארניט — ניט צום דרוקען. וועגען דעם „פארלאנג" האבען מיר שוין, דאכט זיך, גערעדט מיט אייך, ווען איהר זייט געווען ביי אונז אין אפיס. ווי עס שיינט, האט איהר פארגעסען, וואס מיר האבען אייך דאמאלס געזאגט. קומט ארויף אין אפיס נאכאמאל, וועלען מיר עס אייך בעסער ערקלערען.

מאקס לעוויטאן, לאקאל 2. — קלעסענס איז א גאנץ גוטער רעדנער. מיר האבען שוין ניט איינמאל געהערט איהם רעדען. אבער די פאר שמיקראך, וואס איהר גיט איבער פון זיין רעדע, זיינען ניט אזוי צוגויפגעשמעלט, אז עס זאל ווערט זיין איבערצודרוקען. אגב, אין אייער הקדמה מאכט איהר מיט איהם צו-גרויסען ווערען, וואס מיר זיינען זיכער, אז ער אליין וואלט עס זעהר ניט געגליכען. איהר שרייבט, למשל: „איינע פון די או-סערגעוועהנליכע ערשיינונגען — קלעסענס צווישען די קלאוק-אפערייטארס." עס איז גארניט אזא אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, ווי איהר מיינט. קלעסענס איז שוין ניט איינמאל געווען צווישען קלאוק-אפערייטארס און ער וועט נאך זיין ביי זיי נאך און נאך אבי געזונט! אלזא, דאס גאנצע בריוועל איז ווידער ניט געראטען. אנשטאט עס זאל ווע-רען בעסער, ווערט עס אלעמאל ערגער. גיט אויף זיך רק אפרעכענען מיט יענעם. פרובט אפשר ליבערשט זאגען עפעס, וואס איהר אליין פיהלט און דענקט, וועט זיך אייך אפשר בע-סער איינגעבען. פרובירט שרייבען עפעס וועגען א יוניאן-פראגע, וואס אינטערעסירט אייך.

דוד מייער. — שיקט אונז אייער אדרעס וועלען מיר אייך שיקען א טשעקעל פאר ז. ארמור.

„א נישט רייכע פריילין" פון לאקאל 22. — מיר קאנען נישט דערפילען אייער „ביטע" צו דרוקען דאס בריוועל, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, נאר דערפאר ווייל איהר האט ניט אונטערגעשריבען דעם נאמען און אויך ניט אונטערגעשריבען דעם לעדזשער נו-מער. פון וואנען זאלען מיר וויסען צו איהר זייט א מעמבער פון דער יוניאן אדער ניט? אזא בריוועל פארעפענטליכען קאנען מיר נור דעמאלט, ווען מיר זאלען זיין זיכער, אז דאס האט געשריבען טאקע א מעמבער פון דער יוניאן. נאר ווער עס זאל נישט זיין דער-שרייבער פון דעם בריוועל קאנען מיר זאָ-גען, אז ס'איז ווייט נישט אזוי. לאקאל 22 גיט יא צוריק דאס געלט וואס די מיטגלי-דער האבען איינגעצאהלט צום ארבייטסלאָ-זען אינשורענס פאנד, וועלכער האט ניט אנגעפאנגען ארבייטען. מעהר ניט, די יוניאן קוקט נאך דעם רעקארד פונ'ם מיטגליד, וועל-כער איז בארעכטיגט צו קריגען עלף דאלאר פון דעם פאנד, אויב דער מיטגליד,

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון ל. פינקעלשטיין.

אין דעם אויגוסט נומער „די צוקונפט“, דער סאציאליסטישער, וויסענשאפטליכער חודש־זשורנאל, אונטער דער רעדאקציע פון דעם באגאבטען דיכטער און זשורנאליסט, אברהם ליעסין, איז ערשינען א פאראלעל צווישען די צוויי סטרייקס, וועלכע האבען זיך אין דער זעלבער צייט אנגעהויבען אין ניו יארק — דער סטרייק פון די סאבוויי ארבייטער און דער סטרייק פון די קלאוקמאכער. דער ארטיקעל איז געשריבען טאקע פון א. ליעסין און איז שעהן און קרעפטיג אנגעשריבען, פון וועלכען עס דופטעט ארויס פאעטישער חן און א ליבשאפט פאר דער מעכטיגער קלאוקמאכער יוניאן, וואס שטעהט איצט אין קאמף מיט די באלעבאטים.

א. ליעסין דריקט אויס באדויערונג, וואס דער סטרייק פון די סאבוויי ארבייטער איז פארלארען געגאנגען, און וויזט אן די אורזאכען, ווארום עס האט געמוזט, אונטער די אומשטענדען, אזוי זיין. ער וויזט אן, אז דאס איז דערפאר וואס זיי זיינען ניט גוט ארגאניזירט, און דאס זיי דארפען נעהמען א לעסאן פון די אידישע ארבייטער באוועגונג ווי צו זיין ארגאניזירט און ווי צו קעמפען פאר זייערע רעכטען. און אין צוזאמענהאנג מיט דעם רופט ער אויס:

„און ווי ווייט אוועק איז שוין די אידישע ארבייטער באוועגונג פון אזעלכע טרויעריגע ערפאהרונגען!“

און צו אילוסטרירען ווי ווייט די אידישע ארבייטער באוועגונג איז שוין ווירקליך אוועק פון אזעלכע טרויעריגע ערפאהרונגען, וואס די סאבוויי ארבייטער האבען לעצטענס דורכגעמאכט, וויזט ער אן אויפ'ן פראגרעס וואס ס'האט געמאכט די קלאוקמאכער יוניאן. ער שרייבט:

„דער גרויסער קלאוקמאכער סטרייק מיט 16 יאהר צוריק האט עס שוין געבארען די גרויסע קלאוקמאכער יוניאן — א ווירקליכע, שטארק־ארגאניזירטע יוניאן, וואס האט אריינגענומען די פארשידענסטע ארבייטער פון טרייד און וואס האט גענומען לעבען אין די טעג פון א גאנץ יאהר, אזוי ווי אין די טעג פון סטרייק. און אט די יוניאן איז געשטאנען א באגייסטערענדער ביישפיל פאר דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג. זייט דאן האט זיך אנגעהויבען די טרייד־יוניאניסטישע אויפלעבונג אויף דער אידישער גאס. דאס האט זיך געפיהלט אין די סטרייקס און אין די נצחונות פון אלע גרעסערע און קלענערע יוניאנס. דער מארש פון ערוואכטע אידישען ארבייטער האט גענומען אנגעהן מונטער און מונטערער.

„און בראש האט געשפרייזט די קלאוקמאכער יוניאן. דער קלאוק־טרייד איז א סעזאן טרייד. אין צייט פון סעזאן זאפט איין דער טרייד, אזוי ווי א שוואם, גרויסע שטראמען ארבייטער, וואס ווערען נאכ'ן סעזאן אויסגעטריקענט. דארום איז דא באזונדערס שווער געווען אנצונעהן סיסטעמאטיש מיט דער יוניאן ארבייט. דער קלאוק טרייד איז אויך דער טרייד פון די פארשידענארטיגסטע מאדעס, וואס האלטען זיך שטענדיג אין ענדערען. און דארום איז אמאל, ווען מען האט נאך געארבייט שטיק־ארבייט, שווער געווען אויסצושטעלען פעסט־באשטימטע יוניאן פרייזען. ווייטער, אין דעם קלאוק טרייד איז פאר'ן ערפאהרענעם ארבייטער מיט א קליינעם קאפיטאל לייכט צו ווערען אליין א באס. דער קליינער באס זוכט געוועהנליך דארשטיגער זייגע עטליכע ארבייטער, וואס זיינען געוועהנליך קרובים אדער לאנדסלייט. דארום קען ער פארקויפען זיין סחורה ביליג און קאנקורירען מיט'ן גרויסען מאנופעקטשורער. דער טרייד איז פול מיט אזעלכע קליינינקע באסעס. און דאך, ניט קוקענדיג אויף די אלע שטרויכעל־שטיינער, האט די יוניאן אויפגעהאלטען איהרע צעהנדלינגע טויזענדער מיטגלידער און פארגרעסערט אלץ זייער ארבייטס־לוין און פארקלענערט אלץ זייער ארבייטס־צייט און באקעמפט מיט גרויס ערפאלג דאס סוועטינג סיסטעם. און זי האט נאך דערצו אנגעפיהרט א קאמף אויך פאר דער געזונדהייט און זיכערהייט־באדינגונגען אין די שעפער, וואס עס טוען ניט אפילו מאנכע פון די גרעסטע און עלטסטע עכט־אמעריקאנער יוניאנס.

„דאס וואס די עכט־אמעריקאנער־יוניאנס און די שאפ אינספעקטארען און די פארשידענע סטייט באאמטע האבען ניט געוואלט און ניט געקענט און ניט געטאן, דאס האט געוואלט טאן און געקענט טאן און געטאן די אידישע אימיגראנטען־יוניאן.

„און די יוניאן האט געמאכט אלערליי אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען די ארבייטער פון קלאוק טרייד אויך איבער'ן גאנצען לאנד, אין אלע גרעסערע און קלענערע צענטערען פון אמעריקא. אמאל פלעגט מען הערען נאכאנאנד, אז דעם אידישען ארבייטער איז דארום שווערער צו ארגאניזירען, ווייל ער זיצט ניט פעסט אויף איין פלאץ און אין איין טרייד. די גוטע ארבייט פון דער קלאוקמאכער יוניאן און דעם גרויסען ביישפיל, וואס זי האט געגעבען אויך די אנדערע יוניאנס, האט געבראכט דערצו, אז דער אידישער וואנדערער, אין וועלכען טרייד דער מזל זאל איהם ניט פארווארפען, טרעפט אלץ פאר זיך א לעבעדיגע יוניאן, און אין וועלכען צענטער ער קומט נאר, באגלייט איהם אלץ דאס אויג פון דער יוניאן און די שוץ פון דער יוניאן.

„מעהר ווי פילע איינגעפונדרעוועטע עכט אמעריקאנער יוניאנס, האט די קלאוקמאכער יוניאן אויפגעטאן. נאטירליך, די יוניאן, אפילו די בעסטע יוניאן, קען ניט אויפטאן דאס, וואס נאר א סאציאלע רעוואלוציע קען אויפטאן. דער פראפיט פון די באסעס איז די אונבאצאהלטע ארבייט פון די ארבייטער. און די יוניאן קען אין בעסטען פאל נאר די פראפיט־תאוה פון באס איינצוימען, אבער ניט אפשאפען. יעדע יוניאן איז ניט מעהר ווי א פשרה צווישען דעם ארבייטער און דעם באס — א חיי שעה פשרה. דער אויפטו פון דער יוניאן איז ניט מעהר ווי א קייט פון אזעלכע פשרות. און פשרות קענען ניט צופרידען שטעלען. זיי רופען שטענדיג ארויס פאראיבעלעס און קריטיק. די ארבייטער פארשטעהען שוין אבער, אז וואס שטארקער און קאמף־פעהיגער עס וועט זיין זייער יוניאן, אלץ גינסטיגער וועט אויספאלען די פשרה פאר'ן ארבייטער און ניט פאר'ן באס, אלץ מעהר געצאהלט וועט דער ארבייטער קריגען פאר זיין ארבייט און אלץ ווייניגער פראפיט וועט דער באס קריגען פון ארבייטער'ס ארבייט.

„דער קלאוק מאנופעקטשורער האט אלץ ניט געקענט שלום מאכען מיט'ן געדאנק, אז ער מוז זיך ווירקליך רעכענען אויף טריט און שריט מיט דער יוניאן. איז ער דאך פון לאנג אן איינגעוואוינט געווען, אז די אידישע ארבייטער זאלען קעמפען פלאם־פייער פאר א גוטען אפמאך אין צייט פון סטרייק, און אז זיי זאלען וועגען דעם אפמאך ווייניג וואס זיך קימערען אין די טעג פון א גאנץ יאהר. און דא האט ער דערזעהן, אז ער וועט טאקע יעדען אפמאך מוזען אפהיטען. און ווען דער באס האט פארלארען די געדולד און דעם אפמאך געבראכען, האט ער דערזעהן געגען זיך דעם פאראייניגטען פראנט פון 50 טויזענט ארבייטער, וואס זיינען שטענדיג גרייט אויפ'ן רוף פון דער יוניאן דעם קאמף אויפצונעמען.

„אין יאהר 1916 האבען די קלאוקמאכער לאנג און הארט געקעמפט, אז דער באס זאל ניט קענען ענטזאגען ווען נאר עס גלוסט זיך איהם זיינעם אן ארבייטער. אזא אפמאך איז געווען און די מאנופעקטשורערס האבען איהם געוואלט ברעכען, און זיי האבען דעם קאמף פארלארען. אין יאהר 1919 האבען די קלאוקמאכער אויסגעקעמפט וואך־ארבייט, וואס פארקירצערט טאקי א רעכט ביסעל די פראפיטען פון די באסעס, וואס פארלענגערט אבער אויך א רעכט ביסעל די לעבענס פון די ארבייטער. דער הפקר פון די פארשידענערליי פרייז־באשטימונגען האט אויפגעהערט. די טרייבעניש און יאגעניש ביי דער ארבייט האבען אויפגעהערט. די לעצטע איבערבלייבעניש פון דער שוויים־סיסטעם איז מיט'ן ווארצעל אויסגעריסען געווארען.

„און איצט קעמפען די קלאוקמאכער פאר 40 שטונדען און 5 טעג ארבייט א וואך און דערהויפט, אז די יוניאן זאל האבען דעם ריכטיגען אויפזיכט אויף אלע גרויסע באסעס, אזוי ווי אויף אלע קליינינקע קאנטאקטארלאך, אויף די באסעס, וואס פארפערטיגען די ארבייט ביי זיך אין די שעפער, אזוי ווי אויף די באסעס, וואס גיבען ארויס די ארבייט צו די קאנטראקטארס.

„דאס איז דאס וויכטיגסטע, וואס וועט באפעסטיגען אלע פריהערדיגע נצחונות. און די פעסטע ענטשלאסענהייט אויסצוהאלטען ביז'ן סוף, דער פעסטער גלויבען, אז דער פראנט וועט בלייבען פאראייניגט ביז'ן סוף, אז די גאנצע אידישע ארבייטער באוועגונג וועט מיטקעמפען ביז'ן סוף — דאס פארזיכערט די סטרייקערס און זייערע פרויען און קינדער זייער פולען נצחון“.

אודאי וועט גוט זיין א 5־טאגיגע ארבייטס־וואך — יעדער פון זיין שטאנדפונקט

און איצטער טראגען מיר זיך אריבער אין אן אנדער, אין א צווייטען לאגער, און לאמיר הערען, ווי מען שרייבט דארטען.

אין פארבינדונג מיט'ן גרויסען קלאוקמאכער סטרייק, זאגט זיך יעדער זיין ווארט, פון זיין איינענעם שטאנדפונקט.

און מערקווירדיג! ווי נאר איינער זאגט עפעס וועגען דעם סטרייק, אבי נאר דער איינער איז ניט קיין קלאוק־מאנופעקטשורער אדער דזשאבער, אדער עפעס א באאמטער פון איינער פון אט די באלעבאטישע ארגאניזאציעס, — איז עס צו גונסטען די סטרייקער און זייער יוניאן און געגען די באלעבאטים. און פונקט ווי דאס איז אמת וועגען דעם יחיד, איז עס אויך אמת וועגען רבים.

אט, א שטייגער, האט די „אגודת הרבנים“ פון די ארטאדאקסישע קאנגרעגיישאנס און פון דער „יונייטעד סינאגאג פון אמעריקא“, ארויסגעזאגט איהר ווארט, אז עס איז א גערעכטע זאך, וואס די קלאוקמאכער פארדערען א פינף־טאגיגע ארבייטס וואך. אידישע ארבייטער, זאגען די רבנים, דארפען ניט געצוואונגען ווערען פון זייערע באלעבאטים מען זאל מוזען מחלל שבת זיין. אמת, זאגען מיר, אודאי אזוי! עס איז א חלול השם, וואס די באלעבאטים לאזען סטרייקען און ליידען די ארבייטער, ווייל זיי, די ארבייטער ווילען א 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך, זיי זאלען ניט דארפען ארבייטען אום שבת...

נאר מיר זיינען אביסעל ארונטער פון וועג, זיך פאררעדט.: מיר האבען גאר געוואלט אייך דערצעהלען, אז די „אידישע טאגעבלאט“, ווי איהר ווייסט אודאי, אן ארטאדאקסישע צייטונג, האט געהאט דעם 9טען אויגוסט א ספעציעלען עדיטאריעל, „א פינף טאגיגע ארבייטס־וואך“, אין וועלכען עס ווערט געלויבט די שטעלונג פון דער „אגודת הרבנים“, אין דעם ארויסטריט פאר א פינף־טאגיקער ארבייטס־וואך.

צו דער „טאגעבלאט“ קען מען האבען א טענה, הלמאי זי רעדט אין דעם עדיטאריעל בלויז פון „שבת־רוהה“ און פון „אידענטום“ און דערמאנט גאר ניט וועגען סטרייק, אבער א פאר ווערטער זאגט זי פארט.

דער עדיטאריעל פאנגט זיך אן אזוי:

„דער אויפרוף פון די „אגודת הרבנים“, פון יוניאן אוו ארטאדאקס קאנגרעגיישאנס און פון יונייטעד סינאגאג אוו אמעריקא וועגען א פינף־טעגיגע ארבייטס־וואך אין דער קלאוק אינדוסטריע דארף ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער אידישער עפענטליכקייט.

„עס איז נויטיג צו ווידערהאלען, אז דער שבת איז דער ווינקעלשטיין פון יודענטהום אין איטלענד וועלכע לאנד. אפילו רעפארמער זיינען שוין היינט מודה אין דער געוואלדיגער באדייטונג פון דעם שבת פאר'ן יודענטום און אז פון יעדער פארשטארקערונג, וואס דער שבת קריגט, קריגט דאס אידישע לעבען דערפון נייע כחות.

„די אידען פון שטארקען דעם שבת אין אמעריקא, איבערהויפט אין ניו יארק, איז ניט אזוי שווער דורכצופיהרט צו ווערען, ווי מען שטעלט זיך געוועהנליך פאר. ווען די קלאוק אינדוסטריע וואלט געלאזען די אידען רוהען שבת וואלט דער שבת געווארען אנדערש ווי ער איז איצט. אויסער וואס אזוי פיל ארבייטער וואלטען געהיט שבת, וואלטען די הייזער פון די דאזיגע ארבייטער געווארען שבת'דיג און עס וואלט געבען א שטארקען שטוים צו אנדערע אידישע זאכען“.

איז, מילא, ארט אונז ניט. זאל עס געבען א „שטארקען שטוים צו אנדערע אידישע זאכען“, אבי נאר, אהער מיט דער פערציג שטונדיגער, פינף טאגיגער ארבייטס־וואך! אבער וואס רעדט עפעס די „טאגעבלאט“ בלשון סגי נהור? וואס עפעס זאגט זי, אז ס'וואלט גוט געווען, ווען די קלאוק אינדוסטריע וואלט געלאזען רוהען שבת, — און האט מורא צו זאגען, ווען די קלאוק באלעבאטים וואלטען געלאזען? צו דען ווייס נישט די „טאגעבלאט“, אז די קלאוק אינדוסטריע איז דא גאר ניט שולדיג?

זאל דער עדיטאריעל שרייבער פון „טאגעבלאט“ וויסען, אז די קלאוק אינדוסטריע איז שוין גאר א וואוילע און א פיינע, און איהר שאדען אויף אלע סטרייקער. געזאגט געווארען! זי איז גוט גענוג און אויך רייך גענוג צו געבען די ארבייטער ניט נאר שבת־רוה, זאגדערען אלע זייערע פאדערונגען, און אפילו נאך מעהר ווי זיי פאדערען. די צרה איז נאר, וואס אט די פיינע און וואוילע „קלאוק אינדוסטריע“ איז אריינגעפאלען אין שלעכטע הענט! די באלעבאטים פון דער קלאוק אינדוסטריע, וואס די „טאגעבלאט“ האט מורא צו דערמאנען... זיי זיינען עס די שולדיגע! זיי האבען זיך פארנומען אויף אט דער שעהנער און רייכער אינדוסטריע, איהר צו פארקריפלען און האבען געטאן וואס זיי האבען נאר געקענט, דאס אריינצוברענגען כאאס, צושפליטערונג, אומפאראנטווארטליכקייט און צושטערונג! היינט וואס האט די „טאגעבלאט“ טענות צו דער קלאוק אינדוסטריע, וועלכע איז באמת אין דעם גאר ניט שולדיג? וואס איז זי, נעבעך, שולדיג וואס זי איז אריינגעפאלען אין אזוינע הענט? וואס איז זי שולדיג, וואס די „קאפיטאנען“ איהרע זיינען אזוינע האבזיכטיגע און אויך קורצזיכטיגע מענשען, וואס אום

(שלוס אויף זייט 11)

פערזען

פון א. ראדוצקי

די וועהמוט בלייבט

ער זאגט צו מיר, „נו איצט
וועט איהר שוין אנדערש זינגען;
אייער פען האט זיך
פאר גוטע לוין פארדונגען“.

אמת, פריינד, עס איז
פון עקזיסטענץ דער עיקר.
דאך ס'אלטע וועהמוט בלייבט
און רייסט ס'הארץ אין שטיקער...

2

דער קלאגער

אפשר ליידען אנדערע מעהר ווי איך
נאר זיי שווייגען;
שטיקען דעם גרויסען צער אין זיך —
מיט שווייגען.
איך קען קיין לייד און פיין,
קיין וועהטאגען פארטראגען.
מוז איך מיין שיקזאל און דיין
און אלעמענס באקלאגען...

ענינים פון אונזער אינ־טערנעשאַנאַל אין דער פרעסע

(שלום פון זייט 8)

אריינצוכאַפּען אויף גיך מיט אַ פּאָר ראָ־לאַר מעהר, איז ביי זיי רעכט די אינ־דוסטריע צו פאַרקריפּלען, אַנשטאָט צו העלפען איהר בעסער אַנטוויקלען? וואָס איז זי, נעבעך, שולדיג, וואָס איהרע „קאַפּיטאַנען", אַט די אַלע מינים קלאָוק־באַלעבאַטים זיינען אזוי זעלבסטזיכטיג און בלינד, דאָס ביי זיי איז רעכט צו דערווערגען די גאַנז וואָס לייגט פאַר זיי גילדערנע אייער?

אָבער די „אידישע טאַגעבלאַט" געפינט עס פאַר באַקוועמער, בעסער צו האָבען טענות צו דער אומשולדיגער „קלאָוק אינדוסטריע", איידער צו איהרע באַלעבאַטים. און עס איז פאַרשטענדליך ווארום. וואָס קאָן איהר טאָן די קלאָוק־אינדוסטריע? עס איז אַ סברה, אַז זי לעזט נאָר נישט די „טאַגעבלאַט". די קלאָוק באַלעבאַטים האָט די „טאַגע־בלאַט" מורא אָנצוריהרען. זיי קאָנען, חלילה, דאָס ניט וועלען ליידען. און די „טאַגעבלאַט" איז שוין צו אַלט צו ווערען „רעוואָלוציאָנעריש" געשטימט. און זי פאַרענדיגט דעם עדיטאָריעל, ווי זי האָט אָנגעפאַנגען, אַלץ רעדענדיג צו דער „אינדוסטריע"...

אַט לעזט:

„עס וואָלט דארום געווען זעהר גוט ווען אַן אינדוסטריע וואָס איז אין אי־דישע הענד זאָל זיין פון די ערשטע אין אַ באַוועגונג וואָס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען. דאָ געהען צוזאַמען אין דיזער זאַך די אינטערעסען פון די אַר־בייטער, פון מענשען אין אַלגעמיין, מיט די אינטערעסען פון יודענטום. עס וואָלט געפּאַסט פאַר אידען, וועל־כע זיינען געווען די פּיאָנערען צווישען די פּיאָנערען, וואָס זאָלען איינפיהרען אַ צוויי־טאָגיגע רוהע. אַ פינף־טאָגיגע ארבייטס וואָך איז אַ פּראַקטישע זאַך פון אַלע שטאַנדפּונקטען".

אַלזאָ, ווידער דאָס זעלביגע, אפילו מיט איין זילבע ניט דערמאָנט די באַ־לעבאַטים. אינדירעקט, אָבער, ווערען אין דעם פאַל די קלאָוקבאַלעבאַטים גע־בראַנדמאַרקט, ווען אפילו זיי ווערען די־רעקט ניט דערמאָנט. זאָגט דאָך די „טאַגעבלאַט" אין איהר לשון: „דאָ געהען צוזאַמען אין דיזער זאַך די אינטערעסען פון די ארבייטער, פון מענשען אין אַל־געמיין מיט די אינטערעסען פון אי־דענטום".

אַז מיר איבערזעצען דעם פסוק אין ריינעם אידיש, מיינט עס אַזוי: די זאַך פון אַ פינף־טאָגיגע ארבייטס־וואָך איז אין די אינטערעסען פון די אַרביי־טער, פון מענשען אין אַלגעמיין און פון אידענטום, אָבער ניט פון די קלאָוק באַ־לעבאַטים. ווארום דאָס איז אזוי איז גאַנץ פשוט. ווייל די קלאָוק באַלעבאַטים זיינען ניט, כידוע, קיין ארבייטער, זיינען ניט קיין „מענשען אין אַלגעמיין"... און גיבען ניט אַ שמעק טאַבאַק פאַר'ן אידענ־טום. און, „בעליוו מי", די „טאַגעבלאַט" קאָן גוט די לייטע, זי קאָן זיי אויסגע־בונדרען, און אַז זי האָט אַזאַ מיינונג פון די קלאָוק באַלעבאַטים, טו וואָס זאָלען שוין אַנדערע זאָגען?...

נייעס פון דער צדקה פעדע־ריישאַן.

א סטרינג־אָרקעסטער פון קליינע קינדער.

די עמעניועל סיסטערהוד, פון 320 איסט 82טע סטריט, איינער פון די פע־דערייישאַן־אַנשטאַלטען, האָט איצט גע־גרינדעט אַ סטרינג־אָרקעסטער פון קליי־נע אינגלאַך, אין עלטער פון 4 ביז 12 יאָהר.

צווישען די קינדער זיינען דאָ אַזוינע, וואָס האָבען גאָרניט קיין באַגריף וועגען מוזיק אָדער די אינסטרומענטען. זיי ווערען געלערענט, לויט דער מעטאָדע פון די טיטשערס קאָלעדזש און האָרייס מען סקול.

א קונסט שולע פאַר קינדער אין קריסטיע סטריט.

אין די רעקריאיישאָן רומס און סע־טעלמענט פון 188 קריסטי סטריט, אַ סעטעלמענט־הויז פאַר דער נאָכבאַר־שאַפט, איז לעצטענס איינגעפיהרט גע־וואָרען אַ קונסט־שולע פאַר קינדער פון 7 ביז 12 יאָהר אונטער דער אויפזיכט פון עלא אָסטראָווסקי.

די קינדער טוען זעהר גוטע ארבייט און באַזוכען די שולע מיט גרויס אינטע־רעס.

פון גרויס אינטערעס פאַר די קינ־דער איז אויך די אויסשטעלונג פון אַל־טע אידישע הויז־זאַכען, ווי לייכטער, קידוש־בעכער, בשמים־ביקסלאַך א. ז. וו.

די אידישע אַגרי־קולטור (באַראָן הירש) סאָסייעטי

העלפט אַלע צוקונפטיגע פאַרמערס מיט אויס־קינפטע וועגען פאַרמערי און זיי זיך אויס־צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פאַרם.

ניט קיינע רעקאָוויזיט אייידער איהר באַראַט זיך מיט אונז.

אונזער ראַט און טאַט איז אַבסאָלוט פריי־ ... פערזענליך.

קומט פערזענליך אָדער שרייבט — פון 9 ביז 5, זונטאָג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.
New York City

אויפן וועג צו דערגריי־כען נייע האָפנונגען

(שלום פון זייט 7)

רוסטריעלע ווירטשאַפט איז, מוזען די ארבייטער פיהרער שטענדיג אַליין אונטערגעבען מוט, און אַלעמאָל אויס־שטעלען די ברוסט — „ביי אונז איז אַלרייט"... האָט דערפאַר מיין ערשטע באַמערקונג צו מעטיו וואָל געזאָלט זיין:

— מעט, מיר וועלען ריידען וועגען דער אינשורענס אונטערנעהמונג אין אַ ביזנעס־לשון, אין טערמינען פון ציפער און מעגליכקייט, ניט אין טערמינען פון שעהנקייט פון דער זאַך, אָדער נויט־ווענדיגקייט פון דער זאַך...

האָב איך אָבער די באַמערקונג ניט געדאַרפט מאַכען. גראָד ער האָט נאָר געוואָלט ריידען אין טערמינען פון פּראַק־טישקייט און דורכפיהרונג און פאַרווירק־ליכונג.

און אייגענטליך איז שוין דאָס דורכ־געפיהרט און פאַרווירקליכט. די קאָמפּאַ־ני איז דאָ. די קאָמפּאַני איז געטשאַר־טערט. די קאָמפּאַני לעבט. ארום איהר זאַמלען זיך אַלץ מעהר און מעהר יו־ניאָנס. אין איהר פונדאַמענט און אין איהרע ווענט צעמענטעווען אריין זייערע האָפנונגען אַלץ מעהר און מעהר אָרגאַני־זאַציעס. די אויספאַרקויפטע „סטאָקס" אין ווערטה פון צעהנדליגע טויזענדער דאָלאַר ריידען און דערצעהלען אַ סך. בין איך געזעסען שטוהל אין שטוהל קעגען מעטיו וואָל, און ווען ער האָט אויף מיר געוואָרפען פאַקט נאָך פאַקט, פּלאַן נאָך פּלאַן, פאַקטען עכטע, און פּלע־נער דערפאַרשטע און פּרובירטע, האָב איך געזעהן ווי די נייע אינסטיטוציע שטעלט שוין טריט, און אַז, אַז וועט זי זיך אוועקלאָזען איבער גאַנץ אמעריקא, און זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּשטעל־לען —זי וועט אַלע מאָל זיין אין אַ שוועבען צונויפצוברענגען פאַר די ארביי־טער אַלץ מעהר כוחות אויף צו דערגריי־כען אַלץ מעהר האָפנונגען.

און האָפנונגען אין פאַבינדונג מיט דער נייער גרויסער אינשורענס אינסטי־טוציע זייַנען דאָ גאָר אַ סך. סאַי אין דער אַלגעמיינער ארבייטער באַוועגונג, און סאַי ביי די ארבייטער גופא. איך וועל זיי באַשפּרעכען אין אַ צווייטען אַרטי־קעל, ווען איך וועל צוטרעטען צו די איינצעלהייטען פון מיין געשפּרעך מיט מעטיו וואָל.

ווייסט איהר, ווי עס האָט זיך אַנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באַוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אַלץ באַקאַנט ווערען.

פרעסערס פון קלאָוקס

מיר בעטען אייך איהר זאָלט אויסשניידען דיזען אַדווערטייזמענט און באַהאַלטען ביי אייך אין פּאָקעט, ווייל איהר וועט אונז דאַרפען האָבען

מיר האָבען געמופט

פון 123 פינפטע עוועניו, צו

321 פינפטע עוו.

ביי דער 32טער סטריט, 1טען פלאָר.

מיר האָבען אויפגעפיקסט עקסטרא סאַניטאַרי ווייער ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט, פלאַש און בעליווויע. מיר האָבען אויך די בעסטע סטימערס אין מאַר־קעט, טרוקענע סטים מיט אַ גאַראַנטיע אויף פינקינג מאַשינס.

מיר לאַדען איין אַלע פרעסערס, דעזיי־נערס און באָסעס צו קומען זעהן די נייע מאָדעלס פון די ווייער ברעטלעך און סטימערס. אַלע זייענען ווילקאָמען!

די אמעריקען פלאַש און וועלוועט פרעסבאָרד קאָמפּאַני

321 פינפטע עוו., ניו יאָרק

טעלעפאָן: אשלאַנד 6650 און 6651.

קאַונטרי אָרדערס שנעל אַטענדעט.

וואַלדמאַן און ליבערמאַן לאָיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5623-5624

גליקשטיין'ס דעזיינינג סקול

265 גרענד סטריט, ניו יאָרק

בעט. קריסטי און פאָרסייט סטס.
טעל. אָרטשאַרד 8842
סקול פאַר דעזיי־נינג, קאַטינג און

גריידינג אין אַלע פאַכען פון ליידיס, מענס, טשילדרענס און פאַר גאַרמענטס. פּעטערנס ווערען געשניטען צו מעסיגע פרייזען.

די סקול איז אָפען אַ גאַנץ יאָהר.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאָלאַר וועכענטליך

נעהמט אַ קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאַר גאַרמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאַר דעזיינינג לערנען צו מאַכען פּעטערנס, גריידינג, דרייפּינג און פיטען קלאָוקס, סוטס, דרעסעס, פאַר פאַר גאַרמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאָהר.

די סקול האָט ערוייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאַטען.

אַ קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט אַ באַלדיגע שטעלע און גוטע ווייידזשעס.

אַ גוטע פּראָפעסיאָן פאַר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באַזונדערע לעסאָנס וועט געגעבען ווערען אין אייער איינענער שפּראַך, אום איהר זאָלט אַלעס פאַרשטעהן.

די באַדינגונגען פאַר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאָן קאָמפּאַניע אין אמעריקא און מיר פאַרקויפען פעשיאָנס און שניידען אַלערליי פּעטערנס.

טאָג און אָוונט קלאַסען.

אָוונט־קלאַסען, מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג.

פרייע דעמאָנסטריישאָן אין אונזער סקוהל.

קומט פערזענליך פאַר פרייע אינפאָרמאַציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יאָרק. טעלעפאָן וויסקאָנזין 5970.

Buy Union Stamped Shoes

We ask all members of organized labor to purchase shoes bearing our Union Stamp on the sole, inner-sole or lining of the shoe. We ask you not to buy any shoes unless you actually see this Union Stamp.

BOOT & SHOE WORKERS UNION — UNION STAMP — Factory

Boot & Shoe Workers' Union
Affiliated with the American Federation of Labor
246 SUMMER STREET, BOSTON, MASS.

COLLIS LOVELY, General President
CHARLES L. BAINE, General Secretary-Treasurer

די יוניטי הויז

אין פאָרעסט פּאַרק, פּא.

פון דער אינטערנעשאַנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן איז אָפען פאַר'ן זומער.

יעדען שבת אָוענט — אַ גרויסאַרטיגער קאָנצערט.

פאַרשידענע פאַרוויילונגען אין מיטען וואָך.

זונטאָג פריה — אַ ליטעראַרישע פאָרלעזונג

מיטוואָך אין דער פריה — אינטערעסאַנטע לעקטשור.



קומט אַלע און פאַרברענגט אַן אָנגענעמען וואַקיישאַן. אין דער יוניטי הויז האָט איהר פון אַלעם גוטען: גוטע, געשמאַקע עסענס, צימערען מיט אַלע שטאָטישע באַקוועמליכ־קייטען איינגעטונקט אין בלומען און פלאַנצען, וואָס מען זעהט ניט אין ערגעץ אַ חוץ אין יוניטי לאַנד. אויב איהר ווילט באמת גוט פאַרברענגען, פאַרפעהלט ניט צו זיין דאָרט!

אַ חוץ מעמבערס פון דער אינ־טערנעשאַנאַל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און זאָנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער באַוועגונג.

דער רעדזשיסטריישאָן אָפיס איז אין דער אינטערנעשאַנאַל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק, טעלעפאָן טשעלסי 2148

דער אָפיס איז אָפען ביז 7 אוהר אָוענט, ארבייטער זאָלען קאָנען זיך רעדזשיסטרירען געהעריג פון דער ארבייט.

ער פרעגט זי, איז ניט שולדיג דער יוניאן קיין געלט אויף די צאהלונגען וואס דער מיטגליד איז פארפליכטעט צו מאכען, זאל עס זיין אין דעם פארם פון דיוס, אדער אויף די צאהלונגען וואס דארפען געמאכט ווערען אויף דעם 20 דאלאר טעקס, וואס די יוניאן האט באשלאסען. און ווייבאלד עס ווייזט זיך ארויס, אז דער מיטגליד איז א בעל־חוב דער יוניאן, אויב ער איז הינטער־שטעליג אין די צאהלונגען, נעהמט די יוניאן ארונטער וואס איהר קומט און גיט אפ דעם מיטגליד דאס איבעריגע. און פאר'ן געלט וואס ווערט ארונטערגענומען, באקומט דער מיטגליד יוניאן־סטעמפס אויפ'ן ביכעל, וואס דאס איז אזוי גוט ווי געלט. אזוינע סטעמפס קאן דאך קיינער נישט באקומען, סיידען מען צאהלט אין קעש געלט. דאס מיינט, אלזא, אז די יוניאן „נעהמט נישט אוועק דאס געלט פון דעם פאנד", ווי דאס ווערט געזאגט אין אייער בריוועל. עס מיינט, אז די יוניאן מאכט גוטשטעהענד דעם מיט־גליד. די יעניגע מיטגלידער פון די דרעס־מאכער לאקאלס וואס זיינען גוטשטעהענד, וואס זיינען דער יוניאן גאר ניט שולדיג, יענע באקומען אויסגעצאהלט צו עלף דא־לאר.

יהושע גרינבערג. — איהר פארשפארט אונז זאגען, אז „א בילד אין גראמען", וואס איהר האט אונז צוגעשיקט מיט איניגע וואָ־כען צוריק, האט ביי אייך „געפעסט". אודאי, וואלט עס ביי אייך ניט געפעסט, וואלט איר עס געוויס אונז ניט צוגעשיקט. דאס צייגט אבער בלויז, אז דאס רוב זיינען די מענשען „עגא־איסטיש", און וואס ביי יעדען „פעסט" דאס, וואס ער אליין שאפט. ביי אונז אבער האט עס, ליידער, ניט „געפעסט". עס איז ווייט ניט געראטען, עס זאל ווערט זיין געדרוקט צו ווערען. לויט אייער פארלאנג, שיקען מיר עס אייך אפ אין דעם אדרעסירטען קאנווערט, וואס איהר האט אונז געשיקט.

נ. סילווערבלאט. — צו בייטען דעם אדרעס איז וויכטיג וואס איהר שרייבט אונז אייער נאמען מיט'ן נייעם אדרעס. מיר דאר־פען אויך וויסען אייער לאקאל און לעדזשער נומער. שיקט עס צו וועט איהר באקומען די צייטונג אויפ'ן נייעם אדרעס וואס איהר האט צוגעשיקט.

מ. בורג, לאקאל 64. — אייער בריף ווערט פארעפענטליכט. אויב ברודער דעמ־באך וועט אייך נישט ענטפערען, וועט אייך געוויס ענטפערען מר. מאריס קאלמשטיין, פון דעם אינשורענס פאנד. עס מוז געוויס זיין עפעס אן אורזאך, ווארום מען האט אייך ניט געגעבען קיין אינשורענס־בענעפיט.

בן מאיר. — דעם מאנוסקריפט ערהאל־טען. נאך נישט געהאט די נויטיגע צייט עס איבערצוקוקען. האט אביסעל געדולד. עס איז דאך נישט קיין סעזאן־זאך, וואס זאל ארויס פון דער מאדע.

מ. ז—ן. — די „גערעכטיגקייט" און אויך די „דזשאבסטים" וועט מען אייך שיקען. וואס אנבאלאנגט די ארטיקלען, וואלטען מיר אודאי געוואלט, אבער איצטער קאנען מיר עס ניט אננעהמען. דער „בו־דזשעט" ערלויבט עס ניט. אפשר שפעטער אביסעל, ווען ס'וועט זיך ענדערען די לאגע וועלען מיר עס קאנען אננעהמען. דערווייל ניט. די גרוסען צו זיגמאן, באראף און די אנדערע איבערגעגעבען. דורך א געוויסער סיבה, האט דער ענטפער צו אייך זיך אביסעל פארשפעטיגט. אנטשולדיגט.

„אן ארימע אלמנה". — פון אלע גרא־מען, וואס מיר האבען באקומען אונטער'ן דרוק פונ'ם היסען וועטער, זיינען אייערע די ערגסטע. עס איז אמת, אז איהר האט עס צוגעשיקט, ווי איהר שרייבט, אלס א „מתנה די סטרייקענדע קלאוקמאכער", און ווי זאגט מען עס: „א געשענקטען פערד קוקט מען ניט אין די ציין". אבער מיר מוזען אייך דאנקען. אזא מתנה קענען מיר, ליידער, ניט אננעהמען.

א סטייטמענט פון די פארשטעהער פון דער בריטיש מיינערס פעדעראציע

פון בען טילעט

די לאגע פון די מיינערס אין ענגלאנד איז זעהר טראגיש, פונקט ווי דאס איז פול מיט באדייטונג פאר די ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט. אין קיין פעריאדע פון דער געשיכטע פון טרייד־יוניאניזם איז נאך אזא פאראייניקטע אטאקע ניט געמאכט געווארען אויף די ארבייטער, זייערע ווייבער און זייערע לעבען, פון דער קאפיטאליסטישער פרע־סע, דעם קאפיטאליסטישען פארלאמענט און קאפיטאליסטען בכלל, ווי אין דעם פאל.

א מיליאן מיינערס זיינען אויסגע־שלאסען געווארען פון די מיינס, צוויי מיליאן קינדער, אינגער פון 14 יאהר, זיי־נען געצוואונגען צו דורכמאכען די גרעס־טע שווערינקייטען און הונגער. עס זיינען פאראן 750,000 פרויען, וועלכע טיילען די ליידען, וואס זיינען ארויפגעצוואונגען געווארען אויף די מיינערס דורך דער אוממענשליכקייט פון די ענגלישע קאפי־טאליסטען.

אלע אונזערע טרייד־יוניאן־פאנדען זיינען אויפגעגעסען געווארען, א דאנק די שטענדיגע רעדוקציעס אין ווידזשעס זינט דער פעריאדע פון נאך דער מלחמה. עס זיינען איינגעפיהרט געווארען רעדוק־ציעס אין ווידזשעס פון סך הכל צוויי מיליאן פונט א טאג. מיר האבען ער־שעפט אלע אונזערע פאנדען, און האבען פארמארטגעדזשט און פארקויפט אונזער גאנצען איינענטום, אין דעם פארזוך צו־ריקצושטויסען די פארשקלאפענדע טאק־טיקס פון די באלעבאטים.

מיר האבען אויסגעגעבען אין גענע־ראל סטרייק די סומע פון 40 מיליאן דאלאר. מיר שטעהען איצט פאר אזא ערנסטער פראבלעם פון ארבייטסלאזיג־קייט, דאס אויסער א מיליאן אויסגע־שלאסענע מיינערס, געפינען זיך נאך 2 מיליאן ארבייטסלאזע. די וועלכע ליידען בלויז פון „אונטער־באשעפטיגונג", וואס ארבייטען בלויז צוביסלאך, ציילען נאך דריי מיליאן.

דער מיינער, ווען ער האט נעארבייט פול צייט, האט פארדינט דורכשניטליך 10 דאלאר א וואך, און אין פילע פאלען האבען די טשאריטיס געמוזט קומען די מיינער צו הילף נאכדעם ווי ער האט אפ־געארבייט א וואך צייט און האט געפונען פאר אומעגליך צו שפייזען זיין פאמיליע מיט זיינע פארדינסטען.

מען פארלאנגט פון דעם מיינער, ווע־מעס פארדינסטען זיינען 10 דאלאר א וואך, און ווען ער ארבייט האלבע צייט — 5 דאלאר, ער זאל אננעמען א רעדוק־ציע פון 15 פראצענט, און צו אויפגעבען יעדע טרייד־יוניאן פריווילעגיע, פאר וועלכער די מיינערס האבען געקעמפט אין פארלויף פון די לעצטע 80 יאהר. זיי זיינען ביז איצט געשטאנען געגען די מיין־אייגענטימער, די באנקירען, די קא־פיטאליסטישע פרעסע, און דעם קאפי־טאליסטישען פארלאמענט פאר 15 וואָ־כען, מיט א סאלידאריטעט, וואס קען נאר קומען פון אזעלכע גרויסע ליידען און שווערינקייטען, וועלכע זיי האבען צוזא־מען געמוזט דורכמאכען. דאס איז אן אקט פון מענשליכען קוראזש, וועלכער לעבט טראץ דער אונמענשליכער האנד־לונג פון די בייז־ווילינע מיין־אייגענטי־מער.

מיר אפעלירען איצט צו אייך, כדי די קינדער, וועלכע זיינען ניט שולדיג אין דעם איצטיגען שרעקליכען קאמף — כדי זיי זאלען ניט דארפען מעהר ליידען. איר־גענד וועלכע סומען, וועלכע ווערען קא־לעקטירט, זאלען געשיקט ווערען צו דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, צו פרענק מאריסאן, וועלכער האט גענומען אויף זיך די פליכטען פון טרעזשורער. מיר וועלען איצט פילען, דאס א פאלק, וועלכע רעדט אונזער אייגען שפראך, בא־גרייפט די רעאליטעט פון דיזען קאמף, און וואס דאס מיינט ניט בלויז פאר די ענגלישע ארבייטער, נאר אפילו פאר די ארבייטער אין די פא־אייניגטע שטאטען.

מיר זיינען דא אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט, און מיר זיינען דערפאר ווירקליך דאנקבאר, און פילענדיג אייער סימפאטיע, בעטען מיר, דאס איהר זאלט געבען שנעל די הילף, און דאס איהר זאלט באווייזען, דאס עס זיינען ווירקליך די ארימע, וועל־כע העלפען די ארימע.

באריכט פון דער אמעריקאנער רעליף קאמיטע פאר'ן ווארשעווער נאדעל פאראיין

מיט עטליכע מאנאטען צוריק, בעת'ן מוראדיגען קריזיס אין פוילען, איז אין דער „גערעכטיגקייט" ערשינען א הילפס־רוף פונ'ם ווארשעווער נאדל פאראיין צו זיינע געוועזענע מיטגלידער, וועלכע גע־פינען זיך איצט אין אמעריקא.

לויט דעם רוף און ספעציעלע אנווייזונגען מצד דעם פאראיין, האט זיך דא געגרינדעט א קאמיטע פון געוועזענע טוע־ער און מיטגרינדער פון פאראיין, די נעהע־רינע הילף צו שאפען.

אין יענער צייט איז דא, א דאנק דעם צובראכענעם אידישען לעבען אין מזרח אייראפא, אנגעקומען א גאנצע רייע גרויסע און קליינע דרייווס פאר פארשידענע צוועקען. צוליב דעם האט די קאמיטע באשלאסען איהר ארבייט צו ריכטען אויסשליסליך צו קרובה'שע ארגאניזאצי־עס — די פארשידענע נאדל יוניאנס דא אין לאנד.

די קאמיטע וויל דא פעסטשטעלען, אז דער אפרוף מצד די ארגאניזאציעס, ניט אכטענדיג זייערע מאטעריעלע נויטען, איז געווען א ווארימער, א ברידערליכער. דער־פאר טאקע דריקט אויס די קאמיטע דעם הארציגסטען דאנק אין איהר נאמען און אין נאמען פונ'ם ווארשעווער נאדל פאר־איין, צו די אלע ארגאניזאציעס און טוער פאר זייער באלדיגער ברודערליכער הילף, וואס האט מעגליך געמאכט דער וויכטיג־סטער און שטארקסטער יוניאן פון די אי־דישע ארבייטער אין פוילען — דעם ווא־רשעווער נאדל פאראיין — זיך צו שטעלען אויף די פיס און ווייטער אנגעהן מיט דער וויכטיגער ארבייט פון פיהרען און ארגאניזירען די ווארשעווער נאדל ארבי־טער.

פאלגענדע ארגאניזאציעס האבען ביי־געשטייערט אט די סומען:

אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן:

דזשענעראל עקז. באארד: (אליין די־רעקט אוועקגעשיקט) — 250 דאל.; ניו יארק דזשאינט באארד — 100 דאלאר; קאטערס יוניאן, לאקאל 10 (אליין די־רעקט איבערגעשיקט) — 100 דאלאר; לאקאל 48 — 25 דאלאר; לאקאל 23 — 15 דאלאר; לאק. 2 — 25 דאלאר; לאק. 9 — 25 דאלאר; לאקאל 66 — 10 דאל.; לאקאל 38, קאסטאם טיילארס — 10 דאל. סך הכל — 560 דאלאר.

אמאלגאמייטעד קלאטהינג ווארקערס יוניאן:

דזשענעראל עקז. באארד (אליין די־רעקט איבערגעשיקט) — 250 דאלאר; ניו יארק דזשאינט באארד — 100 דאל.; פענטס מאכער יוניאן — 50 דאל; וועסט מאכער יוניאן — 25 דאלאר; קאוט־מא־כער יוניאן, לאקאל 2 — 30 דאל.; קא־טערס יוניאן — 15 דאל.; קאוט מאכער יוניאן, לאקאל 5 — 25 דאלאר; פרעסער יוניאן — 10 דאלאר; סך הכל — 505 דאלאר.

קלאטה־העט, קעפמייקערס און מילי־נערי אינטערנעשאנאל:

דזש. עקז. באארד (אליין איבערגע־שיקט דירעקט) — 50 דאלאר; ניו יארק דזש. קאונסיל — 25 דאל; מילינערי יו־ניאן לאקאל 24 — 25 דאל. ס"ה — 100 דאלאר.

פון פערזענליכע ביישטייערונגען:

מר. ראזענבלום פון שיקאגא — 5 דא־לאר; וועלוועל עדעלשטיין — 5 דאל; אהרן נריף — 5 דאל; נח פינגערהוט — 2 דאלאר; ס"ה — 17 דאלאר.

צוזאמען איז אלזא געשאפען געווא־רען 1182.00 דאלאר.

פון דעם זיינען אראפ פאר'ן איבער־שיקען 14 דאלאר.

צוזאמען איז איבערשיקט געווארען 1168.00 דאלאר.

אלע אנדערע אויסגאבען: ווי „פאר־רוסט" אין צייט, פאסטיידזש, טעלעפאן און פעיר, זיינען געדעקט געווארען דורך די חברים רובין צוקערמאן און בנימין טייטעלבוים.

מיט גרוס,
אמעריקאנער רעליף קאמיטע
פאר'ן ווארשעווער נאדל פאראיין.
רובין צוקערמאן, טשערמאן,
בנימין טייטעלבוים, סעקרעטער.

יעהרליכע קאנפערענץ פונ'ם דייטשען „ארט" אין בערלין

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין בערלין, דייטשלאנד, פארגעקומען דער יעהרליכער קאנפערענץ פון דעם דארטי־גען „ארט". פראפעסאר דר. פראנקפורט האט אין דעם נאמען פון די דייטשע אי־דען באגריסט די דעלעגאטען צו דעם קאנפערענץ. יוסטיץ ראט דר. יוליוס בראדניץ איז געווען דער פארזיצער פון דער קאנפערענץ.

דער יעהרליכער באריכט האט אנגע־צייגט, אז דער דייטשער „ארט" האט פאר דעם לעצטען יאהר צוגעקראגען פילע נייע מיטגלידער. די דייטשע אידען ציינען ארויס א גרויס אינטערעס אין דער ארבייט פון „ארט" און טוען אלץ, וואס זיי קאנען די דאזיגע ארבייט צו אונטערשטיצען.

מיט דער הילף פון די דייטשע אידען איז דעם „ארט" געלונגען צו שאפען און אויפצוהאלטען א פאך־שול פאר שניידע־ריי אין בערלין, וואו אומצעהליגע פליכט־לינגע פון פוילען און אנדערע לענדער קאנען זיך לערנען א פאך. דער דייטשער „ארט" העלפט אויך ארימע אידישע סטודענטען און ארבייטער אין פארשידענע טעכנישע שולען. ער טוט אויך זעהר פיל פאר דער „ארט"־ארבייט אין פוילען און בעסאראביען.

אזוי ווי דער צענטראל־ראט פון „ארט" געפינט זיך אין בערלין, האט דער קאנפערענץ אויפגעפאדערט דר. א. סינגאלאווסקי, א מיטגליד פון צענטראל־ראט אפצוגעבען א באריכט וועגען דער טעטיגקייט פון „ארט" אין די פארשידע־נע לענדער.

דר. א. סינגאלאווסקי האט אין קורצע שטריכען אנגעצייגט, אז דער „ארט" האט פאר דעם לעצטען יאהר אנגעווינ־דעט אלע זיינע קרעפטען ארויסצורופען ביי דער לאקאלער אידישער באפעלקע־רונג אין די פארשידענע שטעדט דעם וואונש און דעם פארלאנג זיך אליין צו העלפען. דאס איז איהם אויך געלונגען. אלס אילוסטראציע ברענגט ער דעם פאקט, אז דאס אויפהאלטען פון די „ארט־פאך־שולען" באטרעפט איצט 18,000 דאלאר א מאנאט. דער צענ־טראל־ראט פון „ארט" גיט בלויז פאר דעם צוועק 5,000 דאלאר. דאס איבע־ריגע געלד ווערט געשאפען פון די שטעט גופא, וואו די שולען געפינען זיך.

„ארט" האט זיך אויך אפגעגעבען ווידער אויפצובויען די פון דעם בירגער־קריג און די פאגראמען חרוב געווארענע קאלאניען אין דרום־רוסלאנד. צוזאמען אבער מיט דער קאלאניזאציע ארבייט באשעפטיגט זיך „ארט" מיט דעם אינ־דוסטריאליזירען פון דער אידישער שטאדטישער באפעלקערונג. אין צוזא־מענהאנג מיט דעם אריינציהען פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער אינ־דוסטריע, געהען איצט אן פארהאנדלונ־גען צווישען דעם צענטראל ראט און דער רוסישער רעגירונג אין מאסקווע. ער האפט, אז גאר אין גיכען וועט עס קומען צו א פארשטענדניש צווישען „ארט" און מאסקווע.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

ריינקאוט מאכער פון באסטאן אין קאנפערענץ מיט די באלעבאטים

(שלוס פון זייט 1)

און זיי העלפען צו ארגאניזירען די יוניאן. זיי ווילען האבען יוניאן באדינגונגען אין די שעפער.

ארום טויזענד ארבייטער זיינען בא־שעפטיגט אין ארום 50 שעפער. צווישען פופציג און זעכציג פראצענט פון זיי זיי־נען מיידלאך.

דער סטרייק האט געזאלט ארויסגערו־פען ווערען היינטיגע וואך, אבער א דאנק דער קאנפערענץ, וועלכע וועט איצט פאר־קומען צווישען דער יוניאן און דער אסא־סיאיישאן, איז דער דאטום פון סטרייק אומבאשטימט. עס ווערט ערווארטעט, אז די יוניאן וועט ניט פארציהען די אנ־געלעגענהייט צו לאנג. עס וועלען אנגע־נומען ווערען מיטלען דערצו גאנץ שנעל, אויב עס וועט ניט דערגרייכט ווערען א צופרידענשטעלענדער אויסגלייך ביי דער קאנפערענץ. די ריינקאוט מאכער פון ניו יארק האבען געסטרייקט און האבען גע־וואונען א 40 שטונדיגע וואך, און די ריינקאוט מאכער פון באסטאן זיינען אויך גרייט צו סטרייקען און געווינען.

א מאססמיטינג פון ריינקאוט מאכער וועט אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג, דעם 19טען אויגוסט, אין 21 עסעקס סטריט, באסטאן. דזש. האכמאן.

קלוגע ווירטהינס
האלטען אימער אין הויז א באקס
עקס־לאקס
דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע
און פארשפארט זיי דאקטאר ביללס.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ״ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי־ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VIII. No. 35. | New York, Friday, August 27, 1926 | פרייטאג, 27טער אויגוסט, 1926 | PRICE 3 CENTS

קלאוקמאכער קעמפען העלדיש און אנטשלאסען וועלען סטרייקען ביז צו א זיגרייכען ענד

די האלסייל־ארעסטען פון דער פאליציי שרעקט קיינעם ניט אפ. — נייע סעטעלמענטס ווערען טעגליך געמאכט. — באלעבאטים ווערען אלץ מעהר פארצווייפעלט. — שיקאגא קלאוק־מאכער גיבען א טאג ארבייט פאר'ן סטרייק. — פאריערס יוניאן שיקט אריין די ערשטע 25000 דאלאר. — זיגמאן און היימאן בלייבען ניט שולדיג קיין ענטפער צו די באלעבא־טים. — דער סטרייק געפינט זיך אין דער בעסטער ארדנונג. — סטרייק ברעכערישע דעזיינערס פארלירען דעם אינדזשאנקשאן.

וואס א טאג מעהר עס פארציהט זיך דער גרויסער קלאוקמאכער סטרייק, אלץ מעהר צופלאקערט זיך דער קאמף. די בראווע סטרייקער ווערען אלץ דרייסטער און אנטשלאסענער און דאס ערגערט ניט וועניג די באלעבאטים.

וועהרענד אין די רייהען פון די סטרייקער הערשט דאס גרעסטע גלויבען אין די אייגענע כוחות, אין דעם פאראייניגטען כוח פון דער יוניאן־מאכט, ווערען די באלעבאטים אלץ מעהר פארצווייפעלט, און ווארפען זיך אויף אלע זייטען, און לויפען ארום זוכען הילף.

אבער אהן אירגענד וועלכען ערפאלג. די צעהנדליגער טויזענטער קלאוקמאכער, די סטרייקער, זיצען זיך גאנץ רוהיג אין די סטרייק האלס, און קיין קלאוקס ווערט ניט געמאכט! טאמער גיט זיך איין א באלעבאסעל צו באקומען ערגעץ א פאר סקעבס, א פאר נידעריגע נפשות, הינטישע נשמות, זיינען דאס אויך חצי־בעל־מלכות. די פאר גארמענטס וואס די סקעבס מאכען אויף קאסט דעם באלעבאסעל א פארמעגען און עס טויג אויף צעהן טויזענד כפרות!

די באלעבאטים ווייסען גאנץ גוט, אז מיט די עטליכע סקעבס וועלען זיי דעם סיזאן ניט מאכען. זיי ווייסען, אז צו מאכען דעם סיזאן וועלען זיי מוזען האבען די צעהנדליגע טויזענטער קלאוקמאכער וואס זיצען אין די „טרענטשעס", און זיי ווייסען אויך אז אם די צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער וועלען נישט געהן צוריק צו דער ארבייט, איידער זיי וועלען ניט סעטלען מיט דער יוניאן! דאך, אבער, ראנגלען זיך די באלעבאטים. זיי מיינען, אפשר וועט מען קאנען עפעס ארונטערדינגען, ווען דער סטרייק וועט זיך לענגער פארציהען.

עס איז א רחמנות אויף די שווערע טויזענטער דאלארס וואס זיי פארלירען גאנץ אומזיסט. זייער האפנונג וועט בלייבען א פוסטער חלום. זיי וועלען מוזען סעטלען מיט דער יוניאן, — אניט וועלען זיי ניט האבען קיין קלאוקס. און וואס פריהער זיי וועלען עס טאן אלץ געזינטער וועט עס זיין פאר זיי.

צו דער אכטער וואך פון סטרייק

א ווארט פון פרעזידענט מארים זיגמאן

צום אנפאנג פון דער אכטער וואך פון דעם גרויסען קלאוקמאכער סטרייק, האט פרעזידענט זיגמאן געמאכט דעם פאלגענדען סטייטמענט:

„די אכטע וואך פון דעם גרויסען קלאוקמאכער סטרייק, געפינט די קלאוקמאכער מיט פונקט אזוי פיל באגייסטערונג און ענטשלאסענהייט ווי אין דעם סאמע ערשטען טאג פון דעם סטרייק. די קלאוקמאכער ווייסען, אז אויב די באסעס האבען ביז איצט געקענט ווי עס איז אויסהאלטען דעם סטרייק, קענען זיי דאס שוין קיין סך מעהר ניט טאן. דער סיזאן איז שוין דא. די „אינדעפענדענט" און „אינסייד" מאנופעקטשורערס זיינען צוגעדריקט צום וואנט. עס וועט ניט נעמען לאנג און די דזשאבערס וועלען זיך געפינען אין דער זעלבער לאגע ווי די אינסייד מאנופעקטשורערס.

„א גינסטיגען באווייז האבען מיר אויך פון דער סעטעלמענט קאמיטע. אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע טעג האט די סעטעלמענט קאמיטע געשלא־סען אגרימענטס מיט כמעט אזוי פיל מאנופעקטשורער ווי עס האבען געסעטעלט די גאנצע זעקס וואכען פריהער. די דזשאבערס, וועלכע האבען מעגליך געהאפט, אז ווען מען וועט סעטלען מיט די „אינדעפענדענטס", וועלען זיי קענען קריגען ווארע, זעהען איצט, ווי אלע זייערע האפנונגען ווערען צורונען. די יוניאן האלט אן א שטרענגען קאנטראל אין די געסעטעל־טע שאפער און לאזט ניט מאכען קיין ארבייט פאר די ניט געסעטעלטע פלעצער.

„וואס אנבאלאנגט די סטרייקערס; קענען מיר באווייזען ווי זיי פיהלען וועגען דעם סטרייק מיט דעם פאלגענדען פאקט: געוועהנליך פיהרט זיך אין גרויסע סטרייקס, אז די ארבייטער זאלען אנפאנגען קריגען סטרייק בענעפיט אויף דער פינפטער וואך פון קאמף. אבער אין דעם איצטיגען סטרייק האט מען נאך ניט אנגעהויבען צאהלען קיין סטרייק בענעפיט, טראץ דעם וואס דער סטרייק איז שוין באלד צוויי מאנאטען אלט. די קלאוקמאכער זיינען גרייט פאר א לאנגען קאמף און זיי וועלען ניט אויסשיסען זייער גאנצע פולווער מיט אמאל. זיי שפארען זייערע כוחות אויף שפעטער.

„אין דער קלאוק אינדוסטריע זיינען פאראן צוויי באזונדערע ביזנעס־גרופען. איין גרופע מאכט איהר ווארע מעהרסטענס אין אנפאנג סיזאן, און די צווייטע, וועלכע טוט דעם גרעסטען טייל פון איהרע ביזנעס אינמיטען און צום ענדע סיזאן. די סטרייקערס ווייסען, אז ביז איצט זיינען עס געווען די „אינדעפענדענטס" און אינסייד מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען געפיהלט דעם סטרייק אם שטארקסטען. אבער איצט, ווען דער סאמע ברען פון סיזאן קומט אן, וועלען די דזשאבערס פארזוכען דעם טעם פון דעם סטרייק און זיי וועלען זיין מעהר פאראינטערעסירט אין א סעטעלמענט".

נאך אנדערע סטייטמענטס פון פרעזידענט זיגמאן, אין באצוג וויכטיגע פראגען פון דעם סטרייק, וועלען די לעזער געפינען אויף א צווייטער זייט אין דער צייטונג.

פיקעט דעמאנסטראציע מאנטאג פריה — גרויס און איינדרוקספול

דעם מאנטאג פריה, אין דער אכטער וואך פון דעם גרויסען קלאוקמאכער־סטרייק, איז די פיקעט דעמאנסטראציע געווען נאך גרעסער, שעהנער, און מאסי־ווער ווי אירגענד ווען פריהער אין פאר־לויף פון דעם סטרייק. די צעהנדליגער טויזענטער קלאוק סטרייקער האבען זיך אריינגעלאזען אין קלאוק צענטער פון אלע עקען שטאדט, פון אלע קווארטא־לען און דער גאנצער קלאוק מארקעט

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 35.

זייט 2. סטרייק־נייעס.
זייט 3. סטרייק־נייעס. פארשידענעס.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
זייט 5. דער בעל־עצה—מרים קארפילאוו. דער מענש — אב. ברייען. די לעבענס־געשיכטע פון בארטעלעמעא וואנזעטי.
זייט 6. עדיטאריעל.
זייט 7. די רעגולירונג פון דער אינדו־סטריעלער באשעפטיגונג—דר. הערמאן פראנק. צום קעמפער (געדיכט) — פ. סאסאנקין־טשארני.
זייט 8. יוניטי הויז פייערט אברהם רייזען'ס 50־יעריגען יובילעאום—א גאסט. פאפולאריטעט (פעליעטאן)—ז. וועהילער.
זייט 9. „קיואיזם" — על־עם. אפיל פאר די פאמיליען פון די ענגלישע מיינערס—עלען ווילקינסאן. ענטפערס פון רע־דאקציע.
זייט 10 און 11. שלוסען און אדווערטייז־מענטס.
זייט 12. נייעס אויס דעם לעבען פון דער יו־ניאן.

קלאוקמאכער פון שיקאגא באשליסען א טאג ארבייט פאר'ן סטרייק אין ניו יארק

פרעזידענט זיגמאן איינגעלאדען צו קומען אדרעסירען מיטינג פון קלאוקמאכער אין שיקאגא.

פאריגע וואך האט דער דזשאינט באארד פון שיקאגא איינגערופען א שאפ־טשערמאן מיטינג צו באטראכטען ווי אזוי די קלאוקמאכער פון שיקאגא קענען העלפען די סטרייקער אין ניו יארק. א באשלוס איז אנגענומען געווארען, אז די שיקאגא קלאוקמאכער זאלען געבען איין טאג ארבייט פאר די ניו יארקער סטריי־קער. אויף דעם שאפ־טשערמאן מיטינג איז דער פארשלאג איינשטימיג אנגענו־מען געווארען, און עס איז קיין פראגע ניט דאס דער באשלוס וועט אויך אנגענו־מען ווערען פון דער ברייטער מעמבער־שיפ.

עס איז אויך באשלאסען געווארען איינצורופען א גרויסען מאס־מיטינג פון די קלאוקמאכער, און פרעזידענט זיגמאן איז איינגעלאדען געווארען דורך א טע־לעגראמע צו קומען צו דער פארזאמלונג אדרעסירען די קלאוקמאכער. די טע־לעגראמע איז אונטערגעשריבען פון ברו־דער י. לעווין, מענעדזשער פון דעם שי־קאגא דזשאינט באארד.

קאטער יוניאן, לאקאל 81 האט דעם באשלוס נאך פריהער אנגענומען.

ווי עס ווערט געמעלדעט אין שיקא־גא'ער „פארווערטס" פון זונטאג, דעם 21טען אויגוסט, האט די קאטערס יוניאן פון שיקאגא, לאקאל 81, נאך פריהער אנגענומען אזא באשלוס. אין דעם „פאר־ווערטס" ווערט געזאגט:

„איידער די שאפ־טשערמאן האבען נאך פארהאנדעלט די פראגע האבען די קאטערס פון לאקאל 81 ביי א מיטינג איינשטימיג באשלאסען צו טעקסען זיך מיט א טאג וויידזשעס פאר'ן ניו יארק סטרייק. די קאטערס האבען ניט געוואלט ווארטען אויף אן אלגעמיינעם מיטינג און האבען די ערשטע ארויסגעציינט זייער סאלידאריטעט מיט זייערע ברידער און שוועסטער פון ניו יארק, וועלכע נויטיגען זיך אין הילפע".

באסטאן רייננקאוט מאכער יוניאן רופט א גענעראל סטרייק!

נאך פילע ניט געלונגענע פארזוכען צו שליסען אן אגרימענט מיט דער בא־סעס אסאסיאיישאן פון רעינקאוטס אין באסטאן, האבען די באסטאנער רייג־קאוטמאכער באשטימט ארויסצוגעהן אין א גענעראל סטרייק, מיט דעם צוועק צו ארגאניזירען די אינדוסטריע און איינ־פיהרען יוניאן באדינגונגען אין די רייג־קאוט שעפער. צו רופען א גענעראל־סטרייק האט די יוניאן באשלאסען נאך מיט צוויי וואכען פריהער. דערווייל־אבער האבען זיך אנגעהויבען אונטער־האנדלונגען מיט דער אסאסיאיישאן און דער סטרייק איז דערווייל אפגעלייגט גע־ווארען, כאטש די גאנצע מאשינערי פאר'ן סטרייק איז שוין געווען פארפערטיגט.

איצטער, ווען די אונטערהאנדלונגען מיט דער אסאסיאיישאן האבען ניט גע־בראכט קיינע רעזולטאטען, ווערט דער סטרייק גערופען דעם דאנערשטאג אינ־דערפריה, דעם 26טען אויגוסט.

מיטוואך, דעם 25־טען אויגוסט, אין דער צייט ווען מיר נעהען צום דרוק מיט דער צייטונג, ווערט דארט אפגעהאלטען א מאסען־פארזאמלונג, און דארט וועט ארויסגעגעבען ווערען דער רוף צו א סטרייק.

דער מיטינג ווערט אדרעסירט פון ברודער דזשוליוס האכמאן, וויס־פרעזי־דענט פון דער אינטערנעשאנאל, ברודער מאראביטא ארגאניזער און ברודער פאר־

(שלוס אויף זייט 10)

א גרויסער יום טוב אין דער יוניטי הויז לכבוד אויפבויאונג פון דער נייער בינע

די נייע ביהנע איז געווידמעט צו דוד פינסקי פאר זיינע לייסטונגען אין דער יוניטי הויז. — פרעזידענט זיגמאן, אברהם רייזען, וויס-פרעזידענט האלפערין, פאניא מ. קאהען, דזש. אליוועער און ראובן פינק האלטען קורצע רעדעס. — דוד פינסקי אליין זאגט אויך א ווארט. — דער יוניטי כאר זינגט און איזידאר קעשיר פיהרט אויף אן איינאקטער. — דער יום-טוב רופט ארויס גרויס באגייסטערונג ביי די אנוועזענדע.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", איז לעצטענס אויפגעבויט געווארען אין דער יוניטי הויז, אין פארעסט פארק, א נייע בינע. די בינע איז אויפגעבויט געווארען אין „פיין גראוו", אין וועלדעל ביים טייכעל, וואו עס ווערען געהאלטען וועכענטליכע לעקטשורס. די בינע וועט קריגען דעם נאמען: „דוד פינסקי בןהנע".

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען שוין פון פריהער, איז דוד פינסקי, דער באוואוסטער אידישער שרייבער און דראמאטורג, פאר די לעצטע פאר יאהר דעם גאנצען זומער אין סענדעוויל, וואס איז לעבען יוניטי הויז, און יעדען זונטאג אין דער פריה גיט ער ליטעראַרישע פארלעזונגען פון זיינע אייגענע שאפונגען. ביז איצט איז געווען אין „פיין גראוו" א קליין פלאטפארמעלע, וואס מעהר ווי צוויי מענשען האבען דארט ניט געקענט ארויפגיין, און פון דארט פלעגט דוד פינסקי געבען זיינע פארלעזונגען, אזוי גוט ווי די לעקטשורערס, וועלכע קומען אין מיטען דער וואך, פלעגען רעדען. איצט אבער, איז דארט אויסגעבויט געווארען א גרויסע און שעהנע ביהנע, אזוי ווי אין א טעאטער. עס זיינען אויך צוגעשטעלט געווארען נאך „בענטשעס" דארט אין וואלד, ארום דער ביהנע, אונטער'ן פרייען הימעל, אונטער די הויכע סאסנאווע בוימער, וואו דער עולם פארברייננגט, הערענדיג א גוט ווארט פון א לעקטשורער, אדער א ליטעראַרישע פארלעזונג פון דוד פינסקי יעדען זונטאג אין דער פריה. אלזא אלס אנערקענונג פאר זיינע לייסטונגען, האט דאס מענעדזשמענט פון דער יוניטי הויז באשלאסען דאס די נייע ביהנע זאל טראגען דעם נאמען „דוד פינסקי ביהנע".

לעצטען זונטאג אין דער פריה איז די ביהנע אפיציעל געעפענט געווארען. דאס איז געווען א גרויסער יום טוב ניט נאר פאר די געסט אין דער יוניטי הויז, נאר אויך פאר די געסט, וועלכע געפינען זיך אין קעמפ „טעמימענט", לעבען דער יוניטי הויז. צו דער געלעגענהייט איז פאראנשטאלט געווארען א פינסקי יום-טוב. לכבוד דעם איז דארט אויפגעפירט געווארען אן איינאקטער, „דער פאנאגראף", טאקע פון דוד פינסקי, אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט א גרויסע צאהל מענשען. די אלע אקטיארען וואס האבען געשפילט אין דעם איינאקטער זיינען געווען יוניטי געסט, ניט קיין פראפעסיאנאלען. גליקליכערווייזע, פארברייננגט איצט אין דער יוניטי הויז אויף זיין וואקיישאן דער באליבטער אידישער אקטיאר, איזידאר קעשיר, און ער האט זיך גענומען די מיה אויסצוקלייבען אקטיארען פון דעם פובליקום, וואס געפינט זיך אין דער יוניטי הויז. ער האט מיט זיי איינגעשטודירט די פיעסע, האט זי רעזשיסירט און אויפגעפיהרט אזוי שעהן, דאס לויט ווי מיר הערען, האט דער עולם געזאגט, אז זיי האבען זעלטען ווען אזוי הנאה געהאט אין אידישען טעאטער אין ניו יארק, ווי פון דער שטיק.

גלייכצייטיג, האט דער „יוניטי כאר", וועלכער איז אויך צונויפגעשטעלט פון געסט אין דער יוניטי הויז, אונטער דער פיהרערשאפט פון באוואוסטען מוזיקער, מר. פערסין, געזונגען א ספעציעלע ליד וואס ראובן פינק האט אנגעשריבען און מר. פערסין האט פארפאסט ספעציעלע מוזיק, אין וועלכער דער כאר האט זיך אויסגעצייכענט אויפ'ן העכסטען ארט.

לכבוד דעם יום טוב אין דער יוניטי הויז איז ארויסגעקומען אהין, בלויז פאר א קורצער ווייל, פרעזידענט מארים זיגמאן, וויס-פרעז. האלפערן, וועלכער איז דער טשערמאן פון דער יוניטי הויז קאמיטע, און שוועסטער פאניא קאהן פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. און האבען געהאלטען קורצע רעדעס ביי דער געלעגענהיים. רעדעס האבען אויך געהאלטען דער באליבטער אידישער דיכטער, אברהם רייזין, וועלכער פארברענגט איצט מיט דער פאמיליע זיין וואקיישאן אין יוניטי הויז, דער אידישער שרייבער ראובן פינק, און צום סוף האט אויך געזאגט א פאר ווערטער דער בעל שמחה אליין, דוד פינסקי.

אונזער רעדאקציע האט ליידער ניט געהאט דארטען קיינעם פון אונזער סטאף ביי דער געלעגענהייט. צוליב געוויסע אומשטענדען האט קיינער פון אונז ניט געקענט זיין דארט, אבער דער „אויבערשטער" פארלאזט אונז ניט. דארף זיך מאכען, אז אין דער יוניטי הויז איז פא-

ראן צווישען די געסט י. מ. לעווינסאן, א אידישער שרייבער, און ער האט זיך גענומען די מיה צו שרייבען א קורצען באריכט פון דעם יום טוב. פריינד לעווינסאן זאגט אונז אויך צו, אז ער וועט שפעטער אביסעל געבען א גענויערע באשרייבונג. דערווייל, אבער, וועלען מיר געבען איהם דאס ווארט און איהר וועט הערען וואס ער האט צו זאגען, אין קורצען נאטירליך, וועגען דעם יום טוב לעצטען זונטאג, אין דער יוניטי הויז. ער שרייבט צו אונז בזה הלשון:

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט":-

איך האף, אז איהר וועט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען פאר'ן קורצען באריכט. איך בין געווען שטארק אויסגעמאטערט, ווייל כ'האב אליין געשפילט דעם „רב" אין דעם „פאנאגראף". דערצו האב איך ניט געהערט גוט די רעדעס, ווייל איך בין געווען פארנומען הינטער און אויף דער ביהנע. אבער אזוי ווי עמיצער האט געצווינגען מיין אויפמערקזאמקייט (נאך דער פארשטעלונג) אז מען פארלאנגט פון מיר א באריכט, האב איך זיך ניט געקענט העלפען און געמוזט צושטעלען. איצט אז איך ווייס שוין, אז איך דארף עפעס טאן, וועל איך פרובירען צושיקען גענויערע און בעסערע באריכטען.

מיט דרך ארץ,
י. מ. לעווינסאן.

און אט איז דער קורצער באריכט.

דוד פינסקי געעהרט אין דער יוניטי הויז

אריבער 1200 געסט און פריינד פון דער יוניטי הויז, „קעמפ טעמימענט" און סענדיוויל, האבען זיך לעצטען זונטאג פריה פארזאמעלט אונטער'ן פרייען הימעל, אין „פיין גראוו", און געהאלפען פייערען די דאפעלטע שמחה פון צוטיילען כבוד דוד פינסקי פאר זיינע ליטעראַרישע לייסטונגען צו די ארבייטער מאסען בכלל און דער יוניטי הויז בפרט, און צו דער ערעפענונג פון דער נייער ביהנע, וועלכע וועט טראגען זיין נאמען.

דזשאדזש אליוועער, דער מענעדזשער פון דער יוניטי הויז, האט די פייערונג אפיציעל געעפענט און פארגעשטעלט וויס פרעזידענט יעקב האלפערן אלס טשערמאן. מר. האלפערן האט גערעדט וועגען דעם גרויסען ערפאלג און פארטשריט, וואס די יוניטי הויז האט הייאהר געמאכט, און שטארק געלויבט די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל פאר די גרויסע באגייסטערונג און אינטערעס וואס זיי האבען ארויסגעוויזען בנוגע די פארגרעסערונג און פארשעהנערונג פון זייער זומער היים, וועלכע געפינט זיך ווירקליך אין איינעם פון די וואונדערבארסטע געגענדען, וואס די נאטור פארמאגט. באזונדערס האט ער זיך אפגעשטעלט אויף דוד פינסקי'ס ליטעראַרישע טעטיגקייטען און פארלעזונגען יעדען זונטאג פריה, וואס איז געווארען א גייסטרייכע אינסטיטוציע, זינט ש. דייקסעל האט עס ארגאניזירט מיט דריי יאהר צוריק.

פאניא מ. קאהן, סעקרעטאר פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, האט אין נאמען פון דעפארטמענט הארציג באגריסט דעם יובילאר, גערעדט וועגען דער נאהענטער קרובה'שאפט צווישען די אידישע שרייבער און די אידישע מאסען און געזאגט, אז פינסקי האט מיט זיינע ליטעראַרישע שאפונגען שטארק באגייסטערט דעם אידישען ארבייטער אין זיין קאמף. אויך האט זי גערעדט וועגען דער אמאליגער שרעקליכער לאגע פון דעם ארבייטער, און זיין איצטיגען מצב, ווען דוד פינסקי קאן קומען און שעפען נחת אויף זייער אייגענער „אימעניע".

מארים זיגמאן, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט אין בולט'ע שטריכען געשילדערט די שוידערליכע לאגע פון די ברייטישע מיינערס, און אויסגעפאדערט דעם עולם צו שטיצען די צוויי מיליאן קינדער, וואס געהען ממש אויס פאר הונגער. ער האט זיך אנטשולדיגט צוליב דעם וואס ער האט אנגעריהרט אזא פארוועהטאגטען ענין אין דער צייט פון אזא גרויסער שמחה, און אויסגעדריקט א הארציגען דאנק צו פינסקי ניט בלויז פאר זיינע איצטיגע ביישטייערונגען, נאר אויך פאר די פלאם-פייערדיגע, פיאנער-ארבייט, וואס ער האט געווידמעט דער ארבייטער זאך יאהרען לאנג.

די הויפט פיטשור פון דער פייערונג איז געווען די אויפפיהרונג פון פינסקי'ס אן איין אקט'יגער קאמעדיע „דער פאנאגראף", אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען בלויז יוניטי געסט, און איז רעזשיסירט געווארען פון דעם באליבטען שוישפילער, איזידאר קעשיער, פון קונסט טעאטער. ראובן פינק, דער רעדאקטאר פון „שיינעז", האט פארפאסט א ליד „פון יוניטי צו דוד פינסקי", ספעציעל געווידמעט דעם יובילאר, און מאקס פערסין, דער גרינדער און דירינענט פון יוניטי הויז כאר, האט פארפאסט ספעציעלע מוזיק. ביידע, סיי די אקטיארען און סיי דער כאר, האבען זיך ספעציעל אויסגעצייכענט, און די באגייסטערונג איז געווען אזוי גרויס, אז לאנג נאכדעם ווי די אקטיארען זיינען ארונטער פון דער ביהנע, האט מען זיי נאך אלץ אפלאדירט. מרס. חנה שטראמבערג, די באריהמטע סאפראנא, האט געזונגען פאלקס לידער און אברהם טייטעלבוים האט פארגעלעזען פינסקי'ס „דער שטורעם". אן אויסערגעוועהנליכע אוואציע האט באקומען איזידאר קעשיער, איידער און נאכדעם ווי ער האט פארגעלעזען פינסקי'ס „היינטיגע יונגעלייט". מר. קעשיער האט געהאלטען א קורצע רעדע, אין וועלכער ער האט באדאנקט די אקטיארען און דאס מענעדזשמענט.

אברהם רייזען, דער באוואוסטער אידישער דיכטער, האט געזאגט א פאר איינדרוקספולע ווערטער און האט אויסגעדריקט זיין גרויס באגייסטערונג פאר דער אריגינעל פייערונג פון ארבייטער פאר א אידישען קינסטלער אונטער'ן אפענעם הימעל, וואס האט דערמאנט אן דעם אמאליגען אריסטאקראטישען גריכענלאנד. ער האט באטאנט, אז די דאזיגע אויפוואכונג פון די אידישע ארבייטער מאסען, די רייפקייט אויפצונעהמען די העכערע קונסט איז צו פארדאנקען אויך דוד פינסקי'ן, וועלכער האט מיט זיין קינסטלערישער פען געוועקט די אידישע ארבייטער מאסען נאך מיט יאהרען צוריק צו א נייעם לעבען, צו שעהנקייט, און צו דערהויבענקייט.

ראובן פינק האט געגעבען א קורצע אפשאצונג פון פינסקי'ס ליטעראַרישע שאפונגען און פארעכענט איהם אלס איינער פון די גרויסע פיער קלאסיקער אין דער אידישער ליטעראטור.

צום לעצט האט גערעדט דוד פינסקי. ער האט געזאגט, אז ניט ער פארדינט א דאנק, זאנדערען די מאסען, פון וועמען ער ציהט זיין גייסטיגע יניקה, ווארים אהן די אידישע ארבייטער איז א אידישע ליטעראטור כמעט ווי אונמעגליך. ער האט שטארק באדאנקט די יוניטי הויז פאר דעם גרויס כבוד וואס מען האט איהם צוגעטיילט, און פארזיכערט, אז ער וועט ווייטער פארטזעצען זיינע ליטעראַרישע ארבייט צום גונסטען די פאלקס-מאסען.

דער גאנצער פראגראם

„דער פאנאגראף"
קאמעדיע אין איין אקט פון
דוד פינסקי
אויפגעפיהרט און רעזשיסירט פון
איזידאר קעשיר
פערזאנען:

נחמן רוסקין	אברהם באלפור
ליבע, זיין ווייב	פעני קאהען
דער טאטע	לואיס ארנאוויץ
די מאמע	אסתר ליובעצקין
דער שווער	הערש קאפלער
די שוויגער	אנא ווינקלער
א ברודער	גרשון רייטע-
א צווייטער ברודער	יצחק ראזען
א שוועסטער	אנא מינדלין
א שוועגערין	סערע לוירנער
א צווייטע שוועגערין	הילדא קאפלע-
א שוואגער	אברהם בלום
א צווייטער שוואגער	משה בוטענסקי
דער רב	יוסף מרדכי לעווינסאן
די רבי'צין	ראזע פאליאקאוו
דער גביר	וואלף ארצט
די גבירה	דזשין אייזענשטאדט
דער חזן	לואיס ראזענשטיין
די חזנ'טע	סערע שאפירא
דער גנב	וועלוועל מילענקי
דער מסור	ווילי ראזענבלום
דער משוגענער	נתן שייב
א טויבער פעטער	יאנקעל יוזשעלעווסקי
א פרוי	ראוז גילל
א מאן	בערעל קראטקע
א שוואגער	נחום פורמאנסקי

די האנדלונג קומט פאר אין א פארוואָרפענעם רוסיש-אידישען שטעדטעל, וואו אידען האבען געלעבט פון ווינד און נסים.

מיר שיקען
אמעריקאנער דאלארס

נאך סאוויעט רוסלאנד, אוקראינע, פוילען, ליטא, לאטוויא, עסטרייך, רומעניען, פאלעסטינע, מעקסיקא און אלע אנדערע לענדער.

אויב איהר האט קרובים אין אירגענד וועלכע לאנד אין דער וועלט און איהר ווילט זיי שיקען עטליכע דאלאר אויף יום טוב, קענט איהר עס טאן אמבעסטען דורך אונזער באנק.

אונזער „טראנסמישאן דעפארטמענט" איז יעצט אזוי איינגעארדענט, אז אייער געלט וועט אנקומען צו אייערע קרובים אין דער שנעלסטער צייט, און אז זיי וועלען קריגען אויסגעצאהלט אין הויז אריין די פולע סומע אין אמעריקאנער דאלארס.

אויסער דעם רעסיט וואס איהר באקומט פאר אייער געלט אין אונזער באנק, שטעלען מיר אייך אויך צו א רעסיט פון אייערע קרובים, אז זיי האבען דאס געלט ערהאלטען. פאלס מען קען זיי ניט אויסגעפינען באקומט איהר אייער געלט צוריק.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק
5טע עוועניו, קארנער 21טע סטריט